STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02334

A PROLETARISHE POLITISHE PARTEY

Moissaye J. Olgin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאָציאַליסטישע ארבייטער ביבליאָטעק
VIII

מ. אָלגין.

אַ פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע פּאַרטיי

פארלאג פון דער
אידישער סאציאליסטישער פעדעראציע אין אמעריקא
ניו יאָרק, 1922.

אינהאַלט:

זייט

קלאַסען־קאַמף צווישען אַרבייטער און קאַפּיטאַליסטען — — — — — 5

די מלוכה — אַ געצייג אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטען — — 7

„פרייהייט", „גלייכהייט", „דעמאָקראַטיע" — — — — — — — — — 11

פאַרוואָס דער אַרבייטער־קלאַס דאַרף באַקומען די מאַכט — — — 13

צו קען דער אַרבייטער־קלאַס באַקומען די מאַכט דורכ'ן שטים־צעטעל? 15

די דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט — — — — — — — — — 17

וואָס איז אזוינס אַ פּאָליטישע פּאַרטיי? — — — — — — — — 21

ענד־ציל און טאָג־טעגליכע אַרבייט — — — — — — — — — 25

אַ מאַסען־פּאַרטיי — ניט קיין קלייזלעך — — — — — — — 29

די פּאַרטיי און אַנדערע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס — — — — — 32

אַן אָפענע אָדער אַ באַהאַלטענע פּאַרטיי? — — — — — — — — 37

אַ פּאַרטיי פון קאַמף, ניט פון פשרות — — — — — — — — 41

די פּאַרטייען פון נעכטען, פון היינט און פון מאָרגען — — — — 46

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל — — — — — — — — — — 53

די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע און די ס. פּ. — — — — 56

קלאסען-קאמף צווישען ארבייטער און קאפיטאל

די וועלט איז איינגעטיילט אין צוויי קלאסען: ארבייטער און קאפיטאליסטען. די קאפיטאליסטען האלטען אין זייערע הענד די פאבריקען, די גרובען פון קוילען, אייזען, אויל, די אייזענבאה־נען און שיפען, די מעהרסטע געביידעס, די גרעסערע פארמס. די ארבייטער פארמאגען גארניט א חוץ זייערע הענט. די קאפיטאליס־טען דינגען די ארבייטער צו ארבייטען אין זייערע אונטערנעה־מונגען און צו באשאפען פאר זיי פראפיטען. די ארבייטער זענען געצוואונגען דאס צו טאן, ווייל אנדערש קאנען זיי ניט פארדינען אויפ'ן לעבען. דאס איז אן אלטער באקאנטער פאקט, וואס יעדער איינער וויים איהם פון זיין אייגענער פראקטיק. דאך געפינען זיך מענשען, וואס דערצעהלען א מעשה, אז די ארבייטער און די קא־פיטאליסטען זיינען שותפים. ס'טייטש, זאגען זיי, דער ארבייטער און דער קאפיטאליסט קאנען זיך ניט באגעהן איינער אהן דעם צווייטען. דער ארבייטער העלפט דעם בעל הבית, דער בעל־הבית העלפט דעם ארבייטער. אזוי זאגט אפילו סעמיועל גאמפערס, דער באריהמטער פיהרער פון די אמעריקאנער יוניאנס. דאס איז א ליגען. ווער עס זאגט דאס איז ענטוועדער א נאר, אדער א בלינדער, אדער אזוינער וואס וויל מיט א כיון אפנארען דעם אר־בייטער־קלאס. דער קאפיטאליסט מיט'ן ארבייטער זיינען שותפים. אבער ווען דעם קאפיטאליסט פארווילט זיך, שניידט ער דעם לויין פון זיין שותף אויף דרייסיג און פערציג און פופציג פראצענט, ווי ס'האט אנומעלט געטאן דער אמעריקאנישער שטהל־טראסט. ווען דעם קאפיטאליסט פארווילט זיך,ווארפט ער ארוים זיין שותף אויפ'ן גאס און לאזט איהם קייען די ערד, ווי עס טוען איצט די קאפיטאליסטען פון אמעריקא מיט זעקס מיליאן ארבייטסלאזע שותפים. ווען די געשעפטען געהען שלעכט, לעבט איין שותף טאקע אלץ אין פאלאצען און באדט זיך אין וואוילטאג, בשעת דער

אנדערער שותף נעכטיגט אין פארק און זיינע קינדער געהען בעטען ברויט.

דער אמת איז, אז די אינטערעסען פון אט די צוויי קלאסען זענען געגענזעצליך און פיינדליך. און אזוי לאנג ווי איין קלאס לעבט פון דער ארבייט פון דעם צווייטען, קען צווישען זיי ניט זיין קיין פרידען.

צווישען אט די צוויי גרונד־קלאסען זענען פאראן אנדערע, וואס זענען אמאל נעהנטער צו איין קלאס און אמאל צום צווייטען. דער באס פון א קליינעם שאפ, וואס ארבייט אליין צוזאמען מיט דריי־פיר ארבייטער, איז פון איין זייט אן עקספלואטאטאר פון ארבייט, פון דער אנדערער זייט ווערט ער עקספלואטירט פון די גרויסע קאפיטאליסטען. דעסגלייכען דער קליינער פארמער, דעסגלייכען דער קרעמער און הענדלער. זיי אלע זענען א טייל פון דעם קלאס קאפיטאליסטען, אבער ניט אזא שטארקער, ווי די גרויסע מאגנאטען. זיי ווערען אנגערופען די קליין־בורזשואזיע. פון דער אנדערער זייט זענען פאראן מיליאנען קלויערקס, פאר־לייט, אינזשינערען, אגענטען, וואס זיינען אייגענטליך א טייל פונ׳ם ארבייטער־קלאס, ווייל זיי ווערען עקספלואטירט פון די קאפיטאליסטען און זיי העלפען באשאפען פראפיטען. אבער אין זייערע געדאנקען האלטען זיי זיך אפגעטיילט פון די ארבייטער, וואס ארבייטען מיט די הענד אין פאבריקען, אייזענבאהנען און גרובען.

אט אזוי איז די וועלט איינגעטיילט אין צוויי גרויסע קלאסען —ארבייטער און קאפיטאליסטען. צווישען אט די צוויי קלאסען קומט פאר א שטארקער קאמף, וואס דויערט שוין צעהנדליגע יארען. ווען די ארבייטער האבען אמאל געבראכען די מאשינען פון די אקארשט־נעגרינדעטע פאבריקען און אונטערגעצונדען די הייזער פון די פאב־ריקאנטען, איז דאס געווען קאמף, כאטש נאך ניט קיין באוואוס־זיניגער. ווען די ארבייטער האבען געמאכט יד־אחת און געמעלדעט דעם בעל־הבית, אז זיי געהען ניט ארבייטען סיידען מען צאהלט זיי א געוויסען לוין, איז דאס געווען קאמף. ווען די ארבייטער האבען איצט איינגעפיהרט גרויסע יוניאנס מיט גרויסע אפאראטען און פארהאנדלען מיט די קאפיטאליסטען קאלעקטיוו, איז דאס ווי־

דער קאַמף. ווען די ארבייטער מאַכען אַ גאַסען־דעמאָנסטראַציע און פאָדערען אַ געוויסע פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע, איז דאָס געוויס קאַמף. ווען די ארבייטער מאַכען אַ גענעראַל־סטרייק פון איין אינדוסטריע אָדער פון עטליכע אינדוסטריען צוליב אַן עקאָ-נאָמישע אָדער פּאָליטישע פאָדערונג, איז דאָס אודאי קאַמף. פּעטיציעס צו פּאַרלאַמענטען, וואהלען פון פּאַרלאַמענטס־פּאַרטרעטער, מיטינגען, רעזאָלוציעס, דעפּוטאַציעס — דאָס אַלעס זיינען פאָרמען פון קלאַסען־קאַמף פון די ארבייטער געגען די קאַפּיטאַליסטען. צי די ארבייטער זיינען אָרגאַניזירט, צי ניט, צי זיי זיינען באוואוסט־זיניג, צי ניט, דער קאַמף הערט ניט אויף. דער קלאַסען-קאַמף פון די ארבייטער געגען די קאַפּיטאַליסטען איז דער אינהאַלט פון דער גאַנצער היינטיגער צייט. און ער וועט ניט אויפהערען אַזוי לאַנג, ווי ס'זיינען דאָ עקספּלואַטאַטאָרס און ס'זענען דאָ עקספּלואַטירטע.

די מלוכה — אַ געצייג אין די הענד פון די קאַ־פּיטאַליסטען.

די קאַפּיטאַליסטען זיינען קלענער אין צאָהל. זיי זיינען אָבער בעסער אָרגאַניזירט. דער עיקר איז: זיי האַלטען אין זייערע הענד אַלצדינג, וואָס די מענשהייט דאַרף האָבען צום לעבען. שפּייז, קליידער, וואוינונגען — אָהן דעם קאָן זיך קיין מענש ניט באַגעהן. און דאָס אַלעס געהערט די קאַפּיטאַליסטען. מאַטעריאַלען, מאַשינען, געצייגען צו באַשאַפען די נויטיגע לעבענס־מיטלען, אייזענבאַהנען, שיפען, אויטאָמאָבילען צו טראַנספּאָרטירען די נויטיגע זאַכען, טעלעגראַפען, טעלעפאָנען און אַנדערע פאַרבינדונגס־מיטלען, וואָס מענשען דאַרפען האָבען אין זייער ארבייט, — אַלצדינג געפינט זיך אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטען. דאָס גיט זיי אַן אונגעהויערע מאַכט איבער'ן ארבייטער־קלאַס. ווען זיי ווילען, קאָנען זיי פאַרמאַכען צעהן טויזענט פאַבריקען, וואָס אַר־בייטען אויס נויטיגע זאַכען, און אַוועקשיקען די ארבייטער אַהיים. ווען זיי ווילען, קאָנען זיי פאַרשליסען אין שפּייכלערס מיליאָנען פונט עסענוואַרג בשעת מיליאָנען מענשען האָבען ניט וואָס צו עסען. ווען זיי ווילען קאָנען זיי גאָר אינגאַנצען אַרויסוואַרפען אין

יב אריין גאַנצע שיפען מיט פּראָדוקטען, כדי די איבערגעבליבענע פּראָדוקטען זאָלען טייערער ווערען און אריינברענגען מעהר פּראָפיטען. ווען זיי ווילען, קאָנען זיי האַלטען לעדיג טויזענטער הייזער, בשעת עטליכע הונדערט טויזענט מענשען האָבען ניט וואו צוצושפּאַרען אַ קאָפּ. זיי קאָנען אַלצדינג, ווייל זיי פאַרמאָגען די מיטלען, ווייל זיי רעכענען, אַז ס'איז זייערס. די אַרבייטער ווייסען, אַז דאָס איז ניט אמת. אפילו די ווייניג־אויפגעקלעהרטע אַרבייטער ווייסען, אַז ניט די קאַפּיטאַליסטען האָבען באַשאַפען אַלצדינג, נאָר די אַרבייטער און די טאַטעס און זיידעס פון די אַרבייטער, — די אַלע, וואָס האָבען געהאָרעוועט מיט'ן שוויים פון זייער פּנים אויף דער ערד און אונטער דער ערד און איבער דער ערד און אויפ'ן וואַסער. די אַרבייטער האָבען געשאַפען — די קאַפּיטאַליסטען באַהערשען. ווי איז דאָס מעגליך?

דאָס איז נאָר מעגליך דורכדעם, וואָס די קאַפּיטאַליסטען האַלטען אין זייערע הענט די מאַכט פון דער מלוכה. אין יעדען קאַפּיטאַליסטישען לאַנד איז דאָ אַ רעגירונג, וואָס טוט דעם ווילען פון די קאַפּיטאַליסטען, איז דאָ אַ געזעצגעבענדע אַנשטאַלט (פּאַרלאַמענט, קאָנגרעס) וואָס גיט אַרויס געזעצען, נויטיגע פאַר די קאַפּיטאַליסטען, און וואָס שיצט די יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. איינער פון אָט די יסודות, איז פּריוואַט־אייגענטום, וואָס ערלויבט איין מענשען אָנזאַמלען אין זיינע הענד אָהן אַ שיעור רייכטום בשעת אַנדערע האָבען גאָרנישט. אַנ'אַנדער יסוד איז עקספּלואַטאַציע, וואָס ערלויבט איין מענשען צו דינגען אַנ'אַנדערען און איהם צווינגען אַרבייטען אויף זיך. אַ דריטער איז ירושה, וואָס ערלויבט אַ מענשען איבערגעבען זיין רייכטום נאָכ'ן טויט אַ זון אָדער אַן אייניקעל, כאָטש יענער האָט דערויף ניט געקרענקט, — וואָס דאָס הייסט איבערגעבען די עקספּלואַטאַציע פון דורות צו דורות, פאַראייביגען די הערשאַפט פון אַ מענשען איבער אַ מענשען. אַ פערטער יסוד איז פרייער אויסטויש, וואָס זאָגט, אַז באַקומען אַ נויטיגע זאַך קאָן מען נאָר, ווען מען בייט זי אויס אויף אַנ'אַנדער נויטיגע זאַך, און אַז איינער וואָס האָט גאָרניט, ווי אַ שטייגער אַנ'אָרימער אָדער אַ קראַנקער, אָדער אַ קאַליקע, טאָר צו קיינעם קיין טענות ניט האָבען. די אַלע

גרונד-געזעצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג זענען גוט פאַר די קאַפּיטאַליסטען און שלעכט פאַר די ארבייטער, און די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה גיט אכטונג, אז קיינער זאָל חלילה ניט אריבערטרעטען אָט די געזעצען.

אָבער ניט נאָר אין דעם פּרט אַליין איז די מלוכה אַ געצייג אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטען. די ארבייטער האַלטען אין איין מלחמה האַלטען געגען זייערע עקספּלואַטאַטאָרס. די ארביי־טער האָבען פיינט די קאַפּיטאַליסטישע געזעצען, די קאַפּיטאַליס־טישע הערשאַפט. די ארבייטער ווילען ניט ארבייטען אויף יענעם. זיי האַסען די אָרדנונג, וואו איין הייפעל מענשען געוועלטיגט איבער'ן רייכטום פון גאַנצע פעלקער. זיי וואָלטען ניט געוואָלט אָפּגעבען זייער בלוט און שווייס צו באַשאַפען לוקסוס פאַר יענעם. נו, איז די מלוכה אַ מעכטיג מיטעל צו האַלטען די ארבייטער אין צוים. מ'האָט אָנגעגרייט פּאָליציייליים און שפּיאָנען און ריכטער און פּראָקוראָרען (דיסטריקט אטאָרנים) און טורמעס. מ'האָט אָנ־געגרייט סאָלדאַטען און אָפיצירען און זשאַנדאַרמען. מען באַ־שטראָפט דעם ארבייטער פאַר יעדען חטא געגען די הייליגע קאַפּי־טאַליסטישע געזעצען. איהר אַליין דאָ אין דעם לאַנד, וואָס באַ־ריהמט זיך מיט זיין „פרייהייט", האָט איהר געזעהען, ווי אזוי מען זעצט אריין סטרייקערס, מען צוטרייבט פּיקעטס, מען שפּאַלט קעפּ ארבייטער-אַגיטאַטאָרס, מען פיהרט איין קריגס-צושטאַנד אין אַ געגענד, וואו די ארבייטער ווילען ניט ארבייטען אויף די באַ־דינגונגען פון די בעלי בתים, מען שיקט ארמייען צו שיסען אויף ארבייטער־דעמאָנסטראַנטען, מען מאָביליזירט די גאַנצע מאַשין פון דער מלוכה, טאָמער ווילען די אייזענבאַהן־ארבייטער אָדער די קוילען־ארבייטער אָדער די אייזען־ארבייטער, אָדער די שיף־ארביי־טער אפּשטעלען זייער ארבייט. די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה איז אזוי אויפגעבויט, אז זי זאָל קאָנען מלחמה האַלטען מיט די ארבייטער און העלפען די קאַפּיטאַליסטען.

די מלוכה העלפט אָבער די קאַפּיטאַליסטען צו באַהערשען ניט נאָר דעם גוף פון די ארבייטער, נאָר אויך זייער נשמה. די קאַ־פּיטאַליסטען ווייסען זעהר גוט, אז טאָמער וואָלטען די ארבייטער פאַרשטאַנען זייער לאַגע, וואָלט ניט גרינג געווען צו רייטען אויף

זייערע רוקענס. דעריבער האָט די מלוכה באַשאַפען אַ ריזיגע מאַשינעריע צו פאַרטויבען די אַרבייטער׳ס מוחות. אין הונדערטער טויזענדער שולען דערצעהלט מען די קינדער פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס, אַז פּריוואַט־אייגענטום איז הייליג און אַז די, וואָס ווילען אַן אַנדער אָרדנונג, זיינען פאַרברעכער. אין הונדערטער טויזענטער קירכען פּרעדיגען גלחים דאָס וואָרט פון גאָט צו די מענשען, אַז מענשען זאָלען ליידען און טראָגען און שווייגען און זיך פאַרלאָזען אויף גאָט׳ס חסד, וואָס וועט זיי באַלוינען אויף יענער וועלט. אין הונדערטער טויזענטער טעאַטערען און מואווים מאָלט מען פאַר׳ן אַרבייטער די שעהנקייט און גוט־הערציגקייט פון די רייכע און זייער גרייטקייט צו טאָן אַ טובה זייערע אָרימע ברידער. אין טויזענדער אַקאַדעמיעס און אוניווערזיטעטען לערנט מען פון שווער-וויסענשאַפטליכע לעקציעס און ביכער, אַז די איצטיגע אָרדנונג איז אַן אייביגע, אַז זי איז די בעסטע, וואָס מען קאָן נאָר דענקען, און אַז ווער עס וויל זי אומבייטען, באַגעהט אַ פאַרברעכען געגען דער מענשהייט. אין הונדערטער טויזענטער צייטונגען און זשורנאַלען פאַרדרעהט מען די אַרבייטער דעם קאָפּ מיט פוסטע מעשיות, מיט באַשרייבונגען פון רייכע חתונת אָדער רייכע סקאַנדאַלען, מיט סענסאַציעס וואָס זענען ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזען איי, און צווישען איין בבאָ בעשה און דער צווייטער רוקט מען אַריין אַ ביסעל אַגיטאַציע צו באַווייזען דעם אַרבייטער, אַז אויב עמיצער איז אָרים, איז דאָס זיין אייגענע שולד, אויב עמיצער איז רייך, איז דאָס דערפאַר וואָס ער איז אַ פעהיגער און ס׳קומט איהם, און אַז די בעסטע זאַך אויף דער וועלט איז פרידען צווישען די אַרבייטער און די קאַפּיטאַליסטען.

געזעץ, פּאָליציי, בילדונג, — דאָס זיינען די דריי שטאַרקסטע מיטלען אין די הענד פון דער מלוכה צו האַלטען די אַרבייטער פאַרשקלאַפט. מיט דער הילף פון אָט די דריי מיטלען קאָן די מלוכה אָרגאַניזירען מלחמות געגען די קאַפּיטאַליסטען פון אַנדערע מלוכות — צוליב די פּראָפיטען פון היימישע עקספּלואַטאָרס. מיט דער הילף פון אָט די דריי מיטלען קאָן די מלוכה פיהרען אַ אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק — האַלטען ריזיגע אַרמייען, ריזיגע פלאָטען, פאַרקריכען אין פרעמדע לענדער, גרינדען דאָרט קאָלאָ־

ניעס, אַרויפלעגען איהר הערשאַפט אויף אָרטיגע האַלב-ווילדע פעל-קער, אויסגעבען מיליאַרדען פאָלקס-געלט אויף צו שטיצען די דאָ-זיגע מיאוס'ע אַוואַנטיורעס — אַלץ צוליב נייע מערק פאַר די קאַפּיטאַליסטישע פאַבריקען. מיט דער הילף פון אָט די מיטלען קאָן די מלוכה מאַכען אַזוי, אַז דעם גרעסטען טייל קהל'שע הוצאות זאָלען צאָהלען דוקא די אומפאַרמעגליכע אין דער געשטאַלט פון שטייערען (טעקסעס) אַזוי, אַז ווער ס'פאַרדינט ווייניגער זאָל בערך צאָהלען מעהר.

די וואָרט-פיהרער פון די קאַפּיטאַליסטען טענה'ן, אַז די מלוכה איז אומפּאַרטייאיש, אַז זי מישט זיך ניט אין קאַמף צווישען קאַ-פּיטאַל און אַרבייט. דער אמת איז, אַז ווען ניט די מלוכה, וואָלטען די קאַפּיטאַליסטען אפילו איין טאָג ניט געקאָנט אָנהאַלטען זייער חבר'שאַפט. די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה איז די אָרגאַניזירטע מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטען. זי איז די דיקטאַטור פון קאַפּי-טאַל.

„פרייהייט", „גלייכהייט", „דעמאָקראַטיע".

אָבער וואָס הערט זיך עפּעס מיט די אַלע גוטע זאַכען, וואָס מען לערנט אונז אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות? מען דער-צעהלט אונז, אַז די מלוכות זיינען געגרינדעט אויף געזעץ און אָרדנונג, אַז אַלע בירגער זענען גלייך פאַר'ן געזעץ, אַז די פרייהייט איז גאַראַנטירט דורך דער קאָנסטיטוציע און די געריכטען, אַז דאָס לאַנד ווערט רעגירט פאַר'ן פאָלק, דורכ'ן פאָלק און אינ'ם נאָמען פונ'ם פאָלק. מען פאַרזיכערט אונז, אַז מיר לעבען אין דעמאָ-קראַטישע מלוכות.

אדרבא, לאָמיר אַ קוק געבען כאָטשבי אויף אַזאַ לאַנד, ווי די אַמעריקאַנישע דעמאָקראַטיע. ס'איז דאָ געזעץ, אמת. אָבער ווען אַ פלייש-מאַגנאַט אָדער אַ ברויט-מאַגנאַט העכערט די פרייזען אויף לעבענס-מיטלען אָהן אַ שום סבה און רייסט אַרויס פון די אַרבייטער-קעשענעס הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר, ווערט דאָס געזעץ איהם ניט טשעפּען. און אַז די דענגבורי העט-מאַכער האָבען דער-קלערט אַ באָיקאָט געגען זייערע קאַפּיטאַליסטען, האָט דאָס זעלביגע

געזעץ זיי געצוואונגען באצאָלען א ריזיגע סומע. ס'איז דאָ געזעץ, אמת. אָבער אַז די קאַפּיטאַליסטען מאַכען אַ לאָקאוט און וואַרפען ארויס אויפ'ן גאַס הונדערט טויזענט ארבייטער, איז דאָס געזעץ רוהיג. אַז די קוילען־ארבייטער און שטאָל־ארבייטער האָבען געמאַכט אַ סטרייק, האָט דאָס זעלבע געזעץ זיך דערשראָקען און אויף זיי אָנגעשיקט סאָלדאַטען און פּאָליציייסקע און דעטעקטיווס. ס'איז דאָ אָרדנונג, אמת. אָבער אַז דער פאַבריקאַנט דינגט כוליגאַנעס און באַנדיטען צו באַפאַלען די סטרייקענדע ארבייטער, איז דאָס אָרדנונג, און אַז די סטרייקערס ווילען באַוואָרענען זייערע פאַבריקען געגען סטרייק־ברעכער, איז דאָס אומאָרדנונג און ס'קומט דערפאַר טורמע. פאַראַן גלייכהייט, אמת. אָבער אַז די קאַפּיטאַליסטען הייסען דעם קאָנגרעס ארויסגעבען אַ געזעץ, וואָס זאָל אָנשטאָפּען זייערע קאַסעס, פאָלגט מען אָהן טענות. און אַז די ארבייטער פאָדערען אַ געזעץ, וואָס זאָל כאָטש זייערע קינדער באַוואָרענען פון אוממענשליכער עקספּלואַטאַציע, בלייבט דאָס אַ שטים אין דער מדבר. ס'איז דאָ פרייהייט. אָבער אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע דערצעהלט אַלערליי מיאוס'ע בלבולים אויף די ארבייטער, מעג זי. און אַז די ארבייטער ווילען ארויסגעבען אַ צייטונג צו פאַרטיידיגען זייערע אינטערעסען, קאָנפיסקירט מען זי און מען לאָזט איהר ניט אויפהויבען אַ קאָפּ. ס'איז דאָ דעמאָקראַטיע מיט אַלגעמיינעם שטים־רעכט, אָבער די הערשאַפט געפינט זיך אַלץ אין די הענד פון די רעפּובליקאַנער אָדער אין די הענד פון די דעמאָקראַטען, וואָס זיינען ביידע קאַפּיטאַליסטישע משרתים און וואָס רעגירען לטובת די קאַפּיטאַליסטען. די פּאָליטישע מאַשינען פון די ביידע פּאַרטייען פיהרען אַזוי די געשעפטען, אַז דער אמת'ער ווילען פונ'ם פאָלק קאָן זיך קיינמאָל ניט ארויסווייזען דורך די וואַהלען, און דאָרט וואו ס'העלפט ניט פּאָליטישע פאַרבלענדעניש און פּאָליטישע נאַרעריי, נוצט מען פּשוט'ען שווינדעל.

פרייהייט, גלייכהייט, געזעץ, דעמאָקראַטיע אין די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות איז בורזשואַזע פרייהייט, בורזשואַזע גלייכהייט, בורזשואַזער געזעץ, בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, — אַלצדינג צוגעשניטען אַזוי, אַז ס'זאָל פאַרשטאַרקען די מאַכט פון די קאַפּי־

טאַליסטען און אָפּשוואַכען די מאַכט פון'ם אַרבייטער־קלאַס. די אַלע שעהנע ווערטער זיינען חוץ דעם נאָך אַ מיטעל צו פאַרבלענדען דעם אַרבייטער'ס אויגען, צו פאַרשלעפּערען זיין נשמה, צו איינרעדען איהם, אַז ער שפּילט טאַקע אַ שטיקעל ראָלע אין דער היינטיגער געזעלשאַפט, כדי ער זאָל ניט אַזוי שטאַרק פיהלען די אייזערנע לאַפּעס פון דער איצטיגער אָרדנונג, וואָס האַלטען איהם מיט שאַרפע נעגעל און קוועטשען אַרויס דעם זאַפט פון זיין מוח און דאָס בלוט פון זיין האַרצען.

פאַרוואָס דער אַרבייטער קלאַס דאַרף האָבען די מאַכט.

די אַרבייטער וועלען ניט זיין פריי, ביז די מאַכט פון דער מלוכה וועט ניט אַריבערגעהן אין די הענד פון זייער קלאַס. פּונקט ווי מען קען זיך ניט פאַרלאָזען, אַז דאָס פייער זאָל מיט'ן גוטען ווילען אויפהערען פאַרצעהרען אַ טרוקענע הילצערנע געביידע, אַזוי קען מען זיך ניט פאַרלאָזען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה זאָל מיט'ן גוטען ווילען אויפהערען אונטערדריקען דעם אַרבייטער־קלאַס. די אַרבייטער וועלען דאַרפען אָפּשאַפען דעם גאַנצען אומגעהייערן אַפּאַראַט פון אונטערדריקונג. די אַרבייטער וועלען דאַרפען מאַכען אַזוי, אַז אַ נייע גרויסע מאַשינעריע פון געזעצגעבונג, פאַרוואַלטונג און ערציהונג זאָל געשאַפען ווערען דורכ'ן אַרבייטער־קלאַס אויפ'ן פּלאַץ פונ'ם אַלטען.

לאָמיר זיך קלאָהר פאָרשטעלען, וואָס דאָס הייסט. דער אַרבייטער־קלאַס שטעלט צונויף די רעגירונג פונ'ם לאַנד — דעם מיניסטאָרען־קאַבינעט מיט דעם פּרעזידענט אַן דער שפּיץ. דער אַרבייטער־קלאַס שטעלט צונויף דעם פּאַרלאַמענט פונ'ם לאַנד, וואָס גיט אַרויס די געזעצען. דער אַרבייטער־קלאַס באַשטימט אַלע בעאַמטע, וואָס פיהרען דורך די פּראָלעטאַרישע געזעצען. דער אַרבייטער־קלאַס בילדעט די באַוואָפענטע קראַפט, וואָס באַוואָרענט זיין לאַנד פון אַן אָנפאַל פון אויסענווענינסטע און אינווענינסטע שונאים. דער אַרבייטער־קלאַס נוצט אויס אַלע קולטורעלע קרעפטען פונ'ם לאַנד, כדי צו אויפקלעהרען און ענטוויקלען די ברייטע מאַסען און זיי געבען צו פאַרשטעהן זייערע אינטערעסען.

דער ארבייטער־קלאס נוצט אוים די מאכט פון דער מלוכה ניט כדי ארויפצוצווינגען אויף עמיצען זיין הערשאפט, נאר כדי צו פארניכטען יעדע הערשאפט פון א מענשען איבער א מענשען. ווען דער ארבייטער־קלאס פארכאפט די מאכט, שאפט ער אפ פריוואט־אייגענטום אויף פראדוקציאנס־מיטלען, הייזער און לאנד, שאפט ער אפ דאס רעכט פון א מענשען צו לעבען פון אנגעזאמעלטען קאפיטאל אדער פון גערונגענער ארבייט, שאפט ער אפ דעם רעכט איבערצוגעבען רייכטום בירושה פון דור צו דור, שאפט ער אפ דעם פריוואטען מסחר, די פריוואטע בענק, דעם פריוואטען טראנספארט. ער פיהרט איין אזוי, אז יעדער איינער, וואס לעבט אין לאנד, זאל מוזען טאן ניצליכע פיזישע אדער גייסטיגע ארבייט, אז דער גאנצער רייכטום פונ׳ם לאנד זאל געהערען דעם גאנצען פאלק אהן אנ׳אונטערשייד פון קלאס, נאציאנאליטעט אדער גלויבען, אז יעדער איינער זאל ארבייטען װעדליג זיינע כחות און באקומען לוין װעדליג די צאהל פראדוקטען, וואס געפינען זיך אינ׳ם רשות פון דער מלוכה; אז יעדער איינער זאל האבען א גלייכע רעכט אויף אלע מאטעריעלע און גייסטיגע אוצרות.

דער ארבייטער־קלאס פארשטעלט זיך ניט הינטער דער מאסקע פון „גלייכהייט פאר אלע קלאסען". ער וויל גאר ניט קיין קלאסען. ער וויל א געזעלשאפט, וואו ס׳זיינען ניטא קיין פריווילעגיעס. ער וועט אויסניצען די מאכט פון דער מלוכה ניט כדי צו מאכען דעם אנשטעל פון אומפארטייאישקייט, נאר כדי אפצושאפען די נויטיגקייט פון פארטייען און פון סאציאלען קאמף. ער וועט איינפיהרען בשותפות׳דיגע, קאלעקטיווע ארבייט פאר קאלעקטיווען נוצען. ער וויל איינפיהרען אן ארדנונג פון שאפענדע, בוי־ענדע מענשען, וואו אי דער גוף, אי די נשמה ווייסען ניט פון קנעכטשאפט. ערשט דעמאלט וועט מען קענען ריידען פון אנ׳אמת׳ער דעמאקראטיע: אנ׳עקאנאמישער, פאליטישער, קולטורעלער. דאס איז די סאציאליסטישע ארדנונג.

דער ארבייטער־קלאס דארף האבען די מלוכה־מאכט, כדי איינצופיהרען די סאציאליסטישע ארדנונג.

צי קאָן דער ארבייטער קלאַס באַקומען די מאכט דורכ'ן שטים־צעטעל (באלאָט) ?

די סאָציאַליסטען פון דעם אלטען שניט האָבען געלערענט די ארבייטער, אז די מלוכה־מאכט וועט זיי אָנקומען גאָר אָהן צרות. די סאָציאַליסטען פונ'ם אלטען שניט האָבען געבויט די צוקונפט פונ'ם ארבייטער־קלאַס אויפ'ן בורזשואזען פארלאַמענטאַריזם און בורזשואזען דעמאָקראַטיזם. זאָלען נאָר די ארבייטער באנוצען ווי געהעריג זייער וואהל־רעכט, — האָבען זיי געזאָגט, — זאָלען זיי נאָר אויסקלייבען פראָלעטאַרישע פארטרעטער, געגנער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג; זאָלען זיי ווערען אַלעמאָל מעהר אויפגעקלעהרט און דעריבער פארגרעסערען די צאָהל סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען. אַ צייט וועט קומען, ווען די מעהרהייט פון דעם פּארלאַמענט וועט זיין סאָציאַליסטיש. נו, דעמאָלט וועט זיך אָנהויבען די גאולה. די סאָציאַליסטישע מעהרהייט וועט תיכף אָנהויבען ארויסגעבען סאָציאַליסטישע געזעצען. די קאַפּיטאַליסטען וועלען מוזען פאָלגען, וואָרום ס'איז דאָך געזעצליכער געזעץ און זיי האָבען דאָך דרך־ארץ פאַר געזעץ און אָרדנונג. אָט אזוי וועט סאָציאַליזם אריינפאַלען אין שויס פון די ארבייטער, ווי כ'פאלט אַ צייטיגער עפּעל פון צווייג. זאָלען נאָר די ארבייטער שטימען און האָפען, האָפען און שטימען — און דער סוף פונ'ם קאַפּיטאַליזם וועט קומען.

די סאָציאַליסטען פונ'ם אלטען שניט האָבען ניט פארשטאַנען דעם כאַראַקטער פון די קאַפּיטאַליסטען און דעם גייסט פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה. די קאַפּיטאַליסטען האַלטען פון געזעץ און אָרדנונג אזוי לאַנג, ווי דאָס לוינט זיי, קוים אָבער מערקען זיי, אַז דער ארבייטער נוצט אויס דאָס געזעץ פאַר זיינע קלאַסען־אינטערעסען, שפּייען זיי אויף זייערע אייגענע געזעצען. אַ קאָנסטיטוציע איז הייליג אין די אויגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה אזוי לאַנג ווי זי גאַראַנטירט די דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל. ווען מען וועט אָבער זעהן, אַז אָט־אָט האָבען שוין די ארבייטער אַ מעהרהייט אין פּאַרלאַמענט, וועט מען אָהן שום חרפּה

פארבויגען די קאָנסטיטוציע און אוועקשטעלען אַן אַ זייט דעמאָ־
קראַטיע. מען וועט שוין געפינען אַנ׳אויסרייד. דער ארבייטער־
קלאַס וועט אויף אַ פרידליכען אופן ניט דערלעבען צו אַ מעהרהייט
אין פארלאַמענט. די קאַפיטאַליסטען זיינען ניט אַזוינע נאַראַנים, אַז
זיי זאָלען דאָס דערלאָזען. זיי פארשטעהען גוט זייערע אינטערעסען.

אָבער זאָל דעם ארבייטער־קלאַס אפילו מיט נסים געלינגען
„אריינצושטימען״ אַ סאָציאַליסטישע מעהרהייט אין אַ געזעצגע־
בערישע אַנשטאַלט, וועט ער נאָך אַלץ ניט האָבען עראָבערט די
מאַכט. ער וועט ניט האָבען אין זיינע הענד דעם עקאָנאָמישען
אַפּאַראַט — די פאַבריקען, גרובען, טראַנספּאָרט. ער וועט ניט
האָבען אין זיינע הענד דעם פארוואַלטונגס־אַפּאַראַט, — די בע־
אַמטע פון אַלערליי רעגירונגס־אַנשטאַלטען. ער וועט ניט האָבען
אין זיינע הענט דעם מיליטערישען אַפּאַראַט. דאָס אַלץ וועט
זיך נאָך אַלץ געפינען אין די הענד פון דער בורזשואַזיע, און יענע
וועט ניט אָפּטרעטען איהר מאַכט אָהן קאַמף. מ־י־ט אַ מעהרהייט
צי אָ ה ן אַ מעהרהייט — דער ארבייטער־קלאַס וועט סיי ווי דאַר־
פען עראָבערען אַלצדינג אַ טריט נאָך אַ טריט. אַ סימן — רוס־
לאַנד אין אָקטאָבער און נאָוועמבער 1917. אין יענער צייט איז
די סאָוועטען־מאַכט געווען די איינציגע מאַכט אין רוסלאַנד. זי
האָט אָנגעהויבען ארויסגעבען סאָציאַליסטישע געזעצען. זי האָט
געהאַט הינטער זיך אַ געוואַלטיגע מעהרהייט פונ׳ם לאַנד. אָבער
די בורזשואַזיע האָט ניט אָפּגעטרעטען מיט גוטען. מ׳האָט זי גע־
דאַרפט ארויסקלאַפּען מיט אַ געפּאַנצערטער האַנט פון איין פּאָ־
זיציע נאָך אַ צווייטער. אמת, אין רוסלאַנד האָט זי געזאָגט, אַז
די מאַכט פון די סאָוויעטען איז אומגעזעצליך. אָבער זייט זיכער,
אַז וואו דער ארבייטער־קלאַס זאָל ניט האָבען אַ מעהרהייט, וועט
שוין די בורזשואַזיע געפינען אַן אויסרייד. זי וועט די סאָציאַליס־
טישע געזעצגעבונג שטענדיג ערקלעהרען אומגעזעצליך. ווארום
סוף־כל־סוף איז ניט דאָס אות פון אַ געזעץ דער עיקר אין קאַמף
פון קלאַסען, נאָר זייער קראַפט, זייער פעהיגקייט צו פארטיידיגען
זייער הערשאַפט. אַ סאָציאַליסטישע פארלאַמענטס־מעהרהייט
וועט מיט געזעצען און אויפרופען ניט קאָנען צווינגען די בורזשו־

אַזעֶ באַאַמטע צו טאָן איהר ווילען, זי וועט ניט קאָנען צווינגען די בורזשואַזע גענעראַלען צו דערווייטערען מיט גוואַלד די פאַבריקאַנטען פון זייערע פאַבריקען, די גרויסע גוטס־באַזיצער פון זייערע מאַיאָנטקעס. זי וועט סיי ווי דאַרפען רופען צו די סאָלדאַטען זיי זאָלען אַראָפּוואַרפען די גענעראַלען, צו די אַרבייטער זיי זאָלען אַרויסוואַרפען די פאַבריקאַנטען, צו די לאַנד־אַרבייטער זיי זאָלען פאַריאָגען די לענדלאָרדס, צו די אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערען זיי זאָלען באַשאַפען אַ נייעם אַפּאַראַט פון פאַרוואַלטונג. אַזוי טאָן הייסט אָבער — פאַרכאַפּען די מאַכט, ניט דורך שטימען, נאָר מיט גוואַלט, און קאַמף, און שטורם. און אויב קאַמף, איז שוין ניט די פראַגע, צי מ'האָט אַ מעהרהייט, צו ניט. אַ מעהרהייט צו ניט קיין מעהרהייט — דאָס איז אַ פראַגע פאַר יוריסטען, לאָיערס, וואָס קוקען דורך אַ מיקראָסקאָפּ אויף יעדען בוכשטאַב און יעדען וואָרט פון געשריבענעם געזעץ. פאַר קעמפער איז די פראַגע, — צו האָבען זיי אַן אויסזיכט אויף זיג. און אַזאַ אויסזיכט קאָן זיך מאַכען גראַד דעמאָלט, ווען די אַרבייטער האָבען נאָך ניט קיין מעהרהייט אין פאַרלאַמענט.

די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

אָט דאָ איז דער גרונד־אונטערשייד צווישען די סאָציאַליסטען פונ'ם אַלטען שניט און די היינטיגע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען. יענע האָבען ניט איינגעזעהען, אַז דער אַרבייטער־קלאַס קאָן איינפיהרען סאָציאַליזם נאָר דאַן, ווען ער פאַרכאַפּט די מלוכה־מאַכט. זיי פלעגען יאָ געברויכען דאָס וואָרט „סאָציאַלע רעוואָלוציע” און זיי פלעגען זאָגען, אַז דער אַרבייטער־קלאַס דאַרף זיך גרייטען צו איהר, אָבער זיי האָבען געהאַט זעהר אונקלאָרע באַגריפען, ווי אַזוי אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע קאָן פאָרקומען אין לעבען. זיי האָבען די סאָציאַלע רעוואָלוציע בכלל אָפּגעלעגט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען, און ס'איז געווען אַ סך באַריהמטע פיהרער און טעאָרעטיקער, וואָס האָבען גאָר ניט געגלויבט, אַז זי איז מעגליך.

די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד און אונגאַרן, די רעוואָלוציאָנערע שטורמס אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליען האָבען

אוועקגעשטעלט די דאָזיגע פראגען אויף א גאנץ נייעם באָדען. ערשטענס האָבען זיי באוויזען, אז סאָציאַלע רעוואָלוציעס זענען ניט נאָר א טעאָריע, וואָס שטאמט פון אונטערזוכען די היינטיגע כאָציאַלע קרעפטען, נאָר א היסטאָרישער פאקט, א גאנץ קאפיטעל אין דער היינטיגער היסטאָרישער צייט. דערמיט פאלט אראָפּ די פראגע, צי איז דאָס מעגליך צי איז דאָס אוממעגליך. צווייטענס האָבען זיי באוויזען, אז מיט גוטען וועט די בורזשואזיע ניט אָפּ־טרעטען איין האָר פון איהר קלאסען־הערשאפט, אז זי וועט קעמ־פען פארצווייפעלט, זי וועט נוצען געזעץ און פארברעכען, פאטרי־אָטיזם און קאָסמאָפּאָליטיזם, גאָט און דעם טייוועל, אבי ברעכען איהרע געגנער. דריטענס האָבען זיי באוויזען, אז דער ארבייטער־קלאס קאָן פארכאפּען די מאכט אפילו דאָרט, וואו די רעוואָלוציאָ־נערען זיינען ניט די מעהרהייט פון דעם לאנד, נאָר וואו זייערע קרעפטען זענען שטארקער, איידער די קרעפטען פון די קאפּיטאַ־ליסטען. דער ארבייטער־קלאָס, ווען ער פארכאפּט די מאכט אין אזא לאנד, פיהרט ער איין די דיקטאַטור פונ'ם פראָלעטאַריאַט.

ארום דעם באגריף האָט מען פיל זיך געאַמפּערט, און דער ברייטער עולם פארשטעהט איהם נאָך ניט דייטליך. דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט הייסט די הערשאפט פונ'ם פּראָלעטאַריאַט אין אזא לאנד, וואו ניט אַלע בירגער און אפילו ניט די מעהרהייט פון די בירגער זיינען אויסגעשפּראָכענע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַ־ליסטען. דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז פּונקט דער היפוך פון דער דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל. יענע ברויכט דעם אַפּאַראַט פון דער מלוכה צו דערהאַלטען ביים לעבען די הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטען, כאָטש זיי זיינען בשום אופן ניט די מעהרהייט אין לאנד. די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור גע־ברויכט דעם אַפּאַראַט פון דער מלוכה צו פארניכטען עקספּלואַ־טאַציע און בורזשואַזע הערשאַפט, כאָטש דער ארבייטער־קלאַס איז נאָך אויך ניט קיין אבסאָלוטע מעהרהייט אין לאַנד. די פּראָ־לעטאַרישע דיקטאַטור איז אי א צעשטערענדע, אי א בויענדע קראַפט: זי צעברעכט דעם קאַפּיטאַליזם, זי לעגט אוועק דעם פונ־דאַמענט פאַר א פרייער סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

ווי אזוי קאָן דאָס אָבער געשעהען, אז דער ארבייטער־קלאַס

זאָל איינפיהרען אין אַ לאַנד זיין דיקטאַטור? ס'איז קלאָהר פון ערשטען בליק, אַז גלאַט אַזוי, אינמיטען פרידליכע צייטען, קאָן דער אַרבייטער־קלאַס ניט אַרויסגעהן אין גאַס, מיר ניט, דיר ניט, און אומוואַרפען די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה. דאָס איז אַן אומזין. ווער עס ווענדט זיך צו די אַרבייטער־מאַסען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג מיט אַן אויפרוף: „געהט פאַרכאַפּט די מאַכט”, דער איז אַי אומוויסענד, אַי אומפאַראַנטוואָרטליך, אַי נאַריש. ניט אַזוי ווערט געמאַכט רעוואָלוציאָנערע געשיכטע. די דיקטאַטור פון'ם פּראָלעטאַריאַט קאָן נאָר איינגעפיהרט ווערען אין אַ לאַנד, וואָס לעבט איבער רעוואָלוציאָנערע שטורמס.

די וועלט איז פול מיט ברען־שטאָף. די לופט איז אָנגע־זאַפּט מיט מורא'דיגען אומרוה. דער וועלט־קריג האָט זיך געענ־דיגט שוין דריי יאָהר, אָבער קיין פרידען איז נאָך ניטאָ. די פעל־קער זיינען פאַראָרימט, פאַרצווייפעלט. דריי־פערטעל אייראָפּע איז אַ חורבה. ס'וואָלט געדויערט צעהנדליגע יאָהרען ביז מ'וואָלט פאַרהיילט די וואונדען פון דער וועלט, ווען אפילו אַלצדינג וואָלט געווען רוהיג. ס'איז אָבער ניטאָ קיין מעגליכקייט פון רוהיגער אַרבייט. די מאַשינעריע פון קאַפּיטאַליזם קאָן שוין ניט אומקעה־רען די מענשהייט צו פרידליכער אַרבייט. די מאַשינעריע פון קאַפּיטאַליזם האָט דורכ'ן קריג צעשטערט די ציוויליזירטע וועלט און קאָן זי שוין ניט אויפבויען צוריק. אייראָפּע איז צושפּאָלטען אויף פעלקער און פעלקערלעך, וואָס שאַרפען איינער אויפ'ן אַנדע־רען די ציינער. אין דער גרויסער וועלט האָט ווידער אויפגעלעבט דאָס סיסטעם פון געהיימע און אָפענע בונדען פון גרויס־מעכט, וואָס שטרעבען איינצושלינגען איינע די צווייטע. די מלוכות באַ־וואָפענען זיך מיט אַ גרעסערען אימפּעט, ווי פאַר'ן וועלט־קריג. די משא פון מיליטערישע הוצאות ווערט אַלע מאָל שווערער און דריקט די פעלקער צו דער ערד. נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם פילען אָן די וועלט מיט אַן עקעלדיגען טשאַד. האַס שטשירעט די ציינער. גיפטיגע פּראָפּאַגאַנדע הוליעט פראַנק און פריי. די אַרבייטסלאָזיגקייט איז גוואַלטיג. די חוצפה פון די פּראָפיטירען שטעלט אַרויס אַ קופּערנעם שטערן. די דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל

פּאַכט איבער דער וועלט מיט אַ שוואַרצער בייטש. די מענשהייט לעבט אין אַן עסערדיגער רעאַקציע. קיינער פיהלט זיך ניט זיכער.

אין אַזאַ צייט ווער קאָן זאָגען, וואָס דער מאָרגענדיגער טאָג וועט אונז ברענגען? מעגליך, אַז ס'וועט אַוועקגעהן אַ לענגערע צייט, און מעגליך אַז ס'וועט גאָר ניט דויערען לאַנג ביז ס'וועט זיך אויפהויבען אַ רעוואָלוציאָנערער שטורם. אַזאַ שטורם איז שטענדיג אַן אומגעריכטע זאַך. מען דענקט, אַז ער איז מעגליך. מען ווייסט אָבער קיינמאָל ניט, ווען ער וועט קומען. מען קאָן איהם ניט ארויסרופען דורך אַ באַפעהל פון אַן אָרגאַניזאַציע אָדער אַ פּאַרטיי. מען קאָן איהם ניט אָפּשטעלען דורך דער קראַפט פון דער מלוכה. ער קומט, ווי אַן אויסברוך פון אַ וואָלקען, און פּונקט ווי אַזאַ אויסברוך שטאַמט פון די טיפענישען פון דער ערד, אַזוי שטאַמט ער פון די טיפסטע טיפענישען פון די מאַסען. אַ טאָג קומט אָן, ווען די מאַסען זאָגען צו זיך: „מיר קאָנען מעהר ניט טראָגען". זיי געהען ארויס אין גאַס. זיי פאָדערען, — אפשר ווייסען זיי אליין ניט דייטליך — וואָס. זיי וואַרפען אום — אפשר גאָר ניט דעם ערגסטען שונא. זיי באַלאַגערען געביידעס. זיי בויען באַריקאַדען. זיי קומען דאָ און דאָרט אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דער אַרמיי. זיי קעמפען געגען דער פּאָליציי. קלאַנגען פאַרשפּרייטען זיך איינער פייערדיגער פונ'ם צווייטען. די רעגירונג איז ערשיטערט. אויב זי מאַכט הנחות, זאָגט מען זי איז שוואַך. אויב זי פרופט אונטערדריקען, דערוועקט זי נאָך מעהר צאָרן. די אַרמיי גופא איז ניט זיכער. ערטערווייז האָט די אַרמיי זיך אָפּגעזאָגט מלחמה צו האַלטען מיט די בירגער. ערטערווייז האָט זי אַליין ארויסגעשטעלט פאָדערונגען. די לופט איז אָנגעגליהט. דער ברייטער עולם וואַקעלט זיך. די קליין־בורזשואַזיע, די שטענדיגע צווייפלערין, ווייסט אַליין ניט מיט וועמען זי האַלט. די מאַסען־באַוועגונג וואַקסט און שפּרייט זיך. די כוואַליע פאַרכאַפּט אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט, אַ פּראָווינץ נאָך אַ פּראָווינץ. די מאַסען וואַרפען אום געזעצליכע באַריערען, נעהמען דאָס געזעץ אין זייערע הענט. אָט דעמאָלט, אויב דער אַרבייטער־קלאַס איז פעסט־אָרגאַניזירט און צוגעגרייט צום ענטשיידענדען קאַמף, קאָן ער מאַכען אַ ריזיגען אָנפאַל אויף דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה.

ער קומט דערביי ניט פון דער זייט. ער איז דאָך דער הויפּט־טוער אין דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער שטעהט אינמיטען קאַמפּס־פעלד. וואָרים יעדע רעוואָלוציע היינטיגע צייטען מוז זיין פאַרבונדען מיט אַ באַוועגונג פון די אַרבייטער געגען די קאַפּיטאַליסטען.

אין אַזאַ צייט און אונטער אַזוינע אומשטענדען איז מעגליך, אַז דער אַרבייטער־קלאַס זאָל פאַרכאַפּען די מאַכט און איינפיהרען די דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט.

איינמאָל איינגעפיהרט, איז דאָס איבעריגע גרינג. דער אַרבייטער־קלאַס ווייזט די מאַסען, אַז ער מיינט ערנסט מיט פּאָליטישער פרייהייט און עקאָנאָמישער גלייכהייט. ער שאַפט אָפּ די הער־שאַפט פון די קאַפּיטאַליסטען. ער שליסט פרידען, אויב דאָס לאַנד איז געוועזן אין קריג. ער שאַפט אָפּ אַלע געהיימע אינטער־נאַציאָנאַלע אָפּמאַכען, אויב אַזוינע זענען פאַרהאַן. ער באַוואָפענט דאָס פאָלק. ער נעהמט זיך בויען דעם סאָציאַליזם. דורכדעם שטאַרקט ער די קעמפער און ציהט־צו די צווייפלער. עס ווערט קלאָהר פאַר אַלעמען, אחוץ די איינגעשפּאַרטע געוועזענע קאַפּי־טאַליסטען, אַז די נייע אָרדנונג איז אַן אמת'ע באַפרייאונג. עס פאַרקלענערט זיך די מעגליכקייט פון אַ קאָנטער־רעוואָלוציע. עס פאַרשטאַרקט זיך די סימפּאַטיע פון דער קליין־בורזשואזיע צו דער נייער אָרדנונג. אַ צייט קומט, פריהער אָדער שפּעטער, ווען דיק־טאַטור איז ניט נויטיג, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז איין אַרביי־טענדע, פרידליכע פאַראייניגטע משפחה. דער סאָציאַלער אידעאַל איז דערגרייכט. דער אַרבייטער־קלאַס האָט דורכגעפיהרט זיין היסטאָרישע ראָל. דער אַרבייטער־קלאַס האָט זיך אויפגעלעזט אין אַ פרייעם אַרבייטער־פאָלק.

אָבער כדי דאָס זאָל זיין מעגליך, מוז דער אַרבייטער־קלאַס האָבען אַן אָרגאַניזירטע קראַפט. דאָס הייסט: ער מוז האָבען אַ פּ אָ ל י ט י ש ע פּ אַ ר ט י י.

וואָס איז אזוינס אַ פּאָליטישע פּאַרטיי?

אַ פּאָליטישע פּאַרטיי איז אַן אָרגאַניזאַציע פון מענשען, וואָס שטרעבט צו באַקומען די מאַכט אין דער מלוכה. דאָס איז ריכ־

טיג בנוגע צו אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען אויף דער גאַנצער וועלט — און דורך דעם סימן קען מען אויסגעפינען, וועלכע אָרגאַניזאַציע איז אַ פּאַרטיי און וועלכע — ניט. דער אַרבייטער־קלאַס האָט אַ סך אָרגאַניזאַציעס, — אָבער נאָר איין אָרגאַניזאַציע קען זיך רופען פּאַרטיי: די וואָס שטרעבט צו באַקומען די מאַכט אין דער מלוכה. אַן אַרבייטער־יוניאָן מעג זיין רעוואָלוציאָנער געשטימט, זי מעג אפילו דערקלערען, אַז זי סימפּאַטיזירט מיט׳ן סאָציאַליזם, זי מעג אַ סך אויפטאָן אין פּרט פון פאַראייניגען די אַרבייטער און זיי דיסציפּלינירען צום קאַמף — אָבער אַזוי ווי די יוניאָן גופא שטרעבט ניט צו מלוכה־מאַכט, דעריבער איז זי ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי. נאָך מעהר: אַן אַרבייטער־יוניאָן מעג אפילו דערקלעהרען איהר שטרעבונג צו פאַרכאַפּען דעם אינדוסטריע־צווייג, וואו איהרע מיטגלידער זענען באַשעפטיגט, זי מעג אַפילו אויסאַרבייטען פּלענער, ווי אַזוי אַריבערצונעהמען די אינדוסטריע אין איהרע הענד, — דורכדעם ווערט זי אַן אָרגאַניזאַציע וואָס שטרעבט צו פאַרכאַפּען די *עקאָנאָמישע* מאַכט, אָבער זי ווערט נאָך אַלץ ניט קיין פּאַרטיי, וואָרים דער צוועק פון אַ פּאַרטיי איז די *פּאָליטישע* מאַכט, די *הערשאַפט אין דער מלוכה*.

דאָס אייגענע איז ריכטיג בנוגע צו אַלערליי אַנדערע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס. נעהמט, אַשטייגער, אַ פאַרזיכערונגס־אָרדען ווי דער אַרבייטער־רינג. דאָס איז אַ נויטיגע אַרבייטער־אינסטיטוציע. זי מאַכט גרינגער דאָס לעבען פון דעם אַרבייטער, זי מאַכט איהם פעהיגער צום קאַמף. זי מעג אפילו שטעהן אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון סאָציאַליזם, זי מעג אַפילו פאָדערען, אַז איהרע מיטגלידער זאָלען אַנערקענען דעם פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף. דורכדעם ווערט זי נאָך אַלץ ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָרום זי, אַלס אַזעלכע, שטעלט זיך ניט פאַר אַ ציל — פאַרכאַפּען די מאַכט אין דער מלוכה. דאָסגלייכען אַן אַרבייטער־אוניווערזיטעט, ווי אַ שטייגער די רענד סקול, דאָסגלייכען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט אַרויס אַן אַרבייטער־צייטונג, דאָסגלייכען אַן אַרבייטער־היים, אַ לייבאָר לייסעאום און אַנדערע אַזוינע אַרבייטער־אַנשטאַלטען. זיי זענען אַלע אויסגעצייכענטע הילפס־מיטלען אין קאַמף פונ׳ם

ארבייטער פאר זיין באפרייאונג. אָבער אזוי לאנג ווי זיי זענען ניט קיין טיילען פון אַ פּאָליטישער פּארטיי און ארבייטען ניט אינ׳ם אויפטראג און אונטער׳ן קאָנטראָל פון אַ פּאָליטישער פּארטיי, זענען זיי ניט קיין פּאָליטישע קאמפּס-מיטלען און האָבען ניט קיין דירעקטע פּאָליטישע באדייטונג.

דאָס איז נויטיג צו געדענקען ספּעציעל ביי אונז, צווישען די אידיש-אמעריקאנישע ארבייטער-מאסען. ביי אונז האָט מען קיינמאָל ניט דורכגעפירט קיין קלאָרע ליניע צווישען סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס און סאָציאַליסטישער פּאָליטישער האנדלונג, צווישען סאָציאַליסטיש-געפארבטע קולטור-באוועגונג און אַ סאָציאַליסטישער פּאָליטישער פּארטיי. ביי אונז האָבען סאָציאַליסטישע אגיטאַטאָרס געפּרעדיגט, אז ווער עס זאָגט „קאפּיטאַליזם איז שלעכט, סאָציאַליזם איז גוט", דער טוט שוין דערמיט גופא אַ פּראָלעטארישען חוב. ביי אונז איז מען דערגאנגען אזוי ווייט, אז טאָמער האָט אַ רעפּובליקאנער אָדער דעמאָקראטישער פּאָליטישען ארייגעטראָגען אין קאָנגרעס אַ ביל, וואָס האָט געקענט גרינגער מאכען די לאגע פון ארבייט — ניט קיין סך אזוינע בילס קען מען געפינען — האָבען סאָציאַליסטען געזאָגט, אז דאָס איז אַ „סאָציאַליסטישער" ביל. עס איז קלאָר, אז דאָס איז אַ קינדערשער באגריף וועגען פּראָלעטאריש-פּאָליטישען קאמף. מענשען מעגען שרייען פון היינט ביז מאָרגען „סאָציאַליזם איז גוט, קאפּיטאַליזם טויג אויף קלאָנג" — אָבער אזוי לאנג ווי זיי פּאראייניגען זיך ניט מיט דער שטרעבונג ארויסצורייסען די פּאָליטישע מאכט פון די קאפּיטאַליסטישע הענט, זיינען זייערע ווערטער אַ פּוסטער קלאנג. דער קאפּיטאַליסטישער קאָנגרעס מעג ארייגטראָגען וויפיל איהר ווילט געזעצען צו פארבעסערען דאָס לעבען פון די ארבייטער — פארשטעהט זיך, ס׳איז נאָר אַ משל: דער קאָנגרעס וועט דאָס קיינמאָל ניט טאָן — אָבער אזוי לאנג ווי זיי העלפען ניט איבערגעבען די מאכט אין די הענד פונ׳ם ארבייטער-קלאס, זענען זיי ניט קיין סאָציאַליסטישע געזעצען.

ביי אונז באריהמט מען זיך, אז דער סאָציאַליזם איז געוואַלטיג גרויס אויף דער אידישער גאס. סטייטש, מיר האָבען מעכטיגע יוניאָנס, מיר האָבען אַ ריזיגען ארבייטער-אָרדען, מיר האָ-

בען צעהנדליגע און אפשר הונדערטער טויזענטער לעזער פון דער סאָציאַליסטישער פרעסע. דאָס איז אַלץ זעהר וואויל און פיין. אָבער וויפיל פון אָט די הונדערטער טויזענטער פארשטעהען, אז די אויפגאבע פון סאָציאַליסטען איז איבערצונעהמען די פּאָליטישע מאכט אין דער מלוכה, און וויפיל זענען פאראייניגט, כדי צו געהן אויפ'ן וועג פון פארכאַפּען די מאכט? איינס דאַרף מען געדענקען: מיט א סאָציאַליסטישען שפּרוך וועט מען ניט אומוואַרפען די ווענט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פעסטונג, און דורך סאָציאַליסטישע סענטימענטען און סאָציאַליסטישע הורא-געשרייען וועט מען ניט באַשאַפען די פאראייניגטע, צוזאמענגעשלאָסענע פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זיך גרייטען פארכאַפּען די מאכט אין דער מלוכה.

א פּאָליטישע פּאַרטיי איז ניט קיין יוניאָן, ניט קיין אָרדען, ניט קיין גרופּע וואוילע מענשען באַזועלט מיט ליבע צום „אָרימען אַרבייטער", ניט קיין קלוב, וואָס דיסקוטירט סאָציאַליזם, ניט קיין צייטונגען וואָס זידלען די קאַפּיטאַליסטען. א פּאָליטישע פּאַרטיי איז אַן אָרגאַניזאַציע צו פארכאַפּען די מאכט. א פּאָליטישע אַרבייטער פּאַרטיי איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שטרעבט צו פארכאַפּען די מלוכה-מאכט, געהענדיג אַן דער שפּיץ פונ'ם אַרבייטער-קלאַס.

פאַראַן אָרגאַניזאַציעס, וואָס פון אויסווענדיג זעהען זיי אויס ווי פּאַרטייען, אָבער אין אמת'ען זענען זיי אויף דער מדרגה פון א קלוב. א גרופּע מענשען אַרבייט אויס א פּראָגראַם און א פּלאַטפאָרם, שטעלט ארויס קאַנדידאַטען, פיהרט אַן א וואהל-קאַמף, זאמעלט שטימען, שיקט אין פּאַרלאַמענט איהרע דעפּוטאַטען. דאכט זיך, א פּאַרטיי? אַלץ ווענדט זיך אָבער דערפון, צי מיינט די גרופּע ערנסט מיט איבערנעהמען די מלוכה-מאכט. אויב א פּאַרטיי איז נ י ט א י ב ע ר צ י י ג ט, אז זי וועט ווען עס איז באַקומען די פּאָליטישע מאכט, אויב זי האָט ניט קיין ק ל אָ ר ע ן ב א ג ר י ף, אז זי ו ו י ל דאָס, דאַן, פארשטעהט זיך, וועט זי ניט צופּאַסען איהר טאַקטיק צו איהר ענד-ציל, דאַן וועט זי זיין אַן אָרגאַניזאַציע פון שטים-צעטלען, ניט א פּאַרטיי פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, דאַן וועט פאר איהר וויכטיגער זיין א צייטווייליגע רעפאָרם, איידער א טריט וואָס פיהרט צו ענדגילטיגען זיג. דאַן

איז זי ניט קיין פּאָליטישע פּארטיי. אין דעם זין איז די סאָציאַ־ליסטישע פּארטיי פון אַמעריקא קיינמאָל ניט געווען קיין פּאָלי־טישע פּארטיי.

ענד־ציעל און טאָג־טעגליכע אַרבייט.

פארכאַפּען די מאַכט אין דער מלוכה איז דער ענד־ציל פון די פּראָלעטאַרישער פּאָליטישער פּארטיי. דאָס איז אַן אויפגאַבע פון דער צוקונפט, אפשר ניט פון דער גאָר נאָהענטער צוקונפט. אָבער אָהן דער אויפגאַבע איז די פּארטיי קיין פּארטיי ניט. נאָך מעהר, אָט די, דאַכט זיך ווייטע, אויפגאַבע דאַרף זיין דער ריכט־שנור פון איהר גאַנצער אַרבייט. אָט די אויפגאַבע דאַרף זיך פיהלען אין יעדען טריט וואָס זי מאַכט.

איהר געהט אין אַ ווייטען וועג. איהר דאַרפט דורכגעהן טוי־זענט מייל. אייער ציל איז אויפ'ן ענד פונ'ם וועג. איהר פּאַסט־צו אייער גאַנצע טעטיגקייט צו אָט דעם איינציגען ציל. איהר מעגט פאַרברענגען אַ טאָג אָדער צוויי אין צוגרייטען אייערע קליידער און אייער שפּייז. איהר מעגט זיך אָפּשטעלען אינמיטען וועג פאַר־ריכטען אייערע שיך. איהר מעגט בלייבען אויף אַ ווייל זיך אויס־רוהען, כדי צו קענען געהן ווייטער. איהר מעגט זיך אפילו אויפ־בויען אַ געצעלט אויף אַ טאָג־צוויי צו באשיצען זיך פון רעגען אָדער קעלט. איהר מעגט אָפּטרעטען אַן אַ זייט אויף עטליכע מייל צו קריגען וואַסער, אויב ס'איז ניטאָ אויפ'ן ברייטען וועג. אָבער כסדר, וואָס איהר זאָלט ניט טאָן, ווי אַזוי איהר זאָלט זיך ניט צופּאַסען צו די באַדינגונגען פונ'ם וועג, וועט איהר דאָך קיינמאָל ניט פאַרגעסען, אַז איהר דאַרפט געהן פאָראויס, אַז דאָס געהן איז נאָר אַ מיטעל, ניט קיין צוועק, און אַז אייער אייגענטליכער ציל איז דער פּלאַץ, וואָס איהר ווילט דערגרייכען.

דאָס אייגענע דאַרף אויך זיין מיט אַ פּראָלעטאַרישער פּאָ־ליטישער פּארטיי. וואָס זי זאָל ניט טאָן, ווי זי זאָל זיך ניט צו־פּאַסען צו די פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען פון איהר צייט און איהר לאַנד, — דאַרף זי קיינמאָל ניט אַרויסלאָזען פון אויג דעם ציל. יעדער טריט איהרער דאַרף פאַרשטאַרקען די

מאכט פונ'ם ארבייטער־קלאס און אפשוואכען די קאפיטאליס־טישע דיקטאטור שוין איצט, אין דער קאפיטאליסטישער געזעל־שאפט, איידער ס'איז געקומען צום לעצטען קאמף. אבער פון דער אנדערער זייט: ווי ס'איז וויכטיג פאר א רייזענדען צו געהן אלעמאל ו ו י י ט ע ר, אזוי איז וויכטיג פאר א פרא־לעטארישער פאליטישער פארטיי צ ו ט א ן א ר ב י י ט יעדען טאג, יעדעס יאהר, ווארום נאר פאליטישע ארבייט וועט זי ברענגען צום זיג.

א פארטיי פון פארכאפען די מאכט איז ניט אזא פאראיי־ניגונג פון מענשען, וואס זיצט אוןווארט זיך רוהיג, ביז ס'וועט שלאגען די שעה, ווען זי וועט קענען א שפרונג טאן און פארכא־פען די מאכט. דאס איז אויך ניט אן ארמיי, וואס זיצט אין קא־זארמע און גרייט זיך אויפ'ן מאמענט, ווען דער קאמאנדיר וועט זי פיהרען אין שלאכט. א פאליטישע פארטיי איז א קראפט, וואס האלט אין איין האמערן און שמעטערן און אונטערגראבען די קאפיטאליסטישע פעסטונג שוין איצט, ווען די פעסטונג שטעהט נאך. א פאליטישע פארטיי איז א קראפט, וואס האלט אין איין פארשטארקען די מאכט פונ'ם ארבייטער־קלאס נאך איצט, ווען ער הערשט ניט. קעמפענדיג, ווערט די פארטיי גרעסער. וואק־סענדיג, באקומט זי מעהר ערפאהרונג. פיהלענדיג איהר כח, בא־קומט זי מעהר מוט. געווינענדיג אין זיכערהייט און איינפלוס, ציהט זי צו אפילו אזוינע, וואס האבען פריהער מיט אומצוטרוי געקוקט אויף דער באוועגונג פונ'ם ארבייטער־קלאס. בויענדיג די ארגאניזאציע פון די ארבייטער, ווייזט זי, אז זי וועט קענען בויען די ארגאניזאציע פון דער נייער געזעלשאפט אין דער צוקונפט.

די וועגען און מיטלען פון טאג־טעגליכען קאמף קען מען גאר ניט פאראויסזעהן און מען קען זיי ניט אויסרעכענען גענוי, ווייל זיי ווענדען זיך אלע מאל אן די פאקטען פון לעבען, און דאס לעבען נעהמט אן אלעמאל נייע פארמען. ביז אהער האט דער ארבייטער־קלאס גענוצט אזוינע מינ'ע מעטאדען פון פאלי־טישער ווירקונג:

א. פ ר א ט ע ס ט'ע ן. דער ארבייטער־קלאס האט זיך

אריינגעמישט אין אלע אנגעלעגענהייטען פון דער מלוכה, גע־לאָזט הערען זיין צאָרן־שטים אלעמאל, ווען די קאפּיטאליסטישע דיקטאטור האט געהאלטען אין באַגעהן אַ מיאוס'ען אומרעכט. צי ס'האָט זיך געהאנדעלט וועגען אַ שעדליכען געזעץ, וואָס די קליקע האט געהאלטען אין דורכפיהרען דורכ'ן פּארלאמענט, צי וועגען אַ שעדליכען טריט אין דער אויסען־פּאליטיק, צי וועגען אַן אומ־גערעכטען קריג, צי וועגען אַ פוילען פרידען, — אין אלע אזוינע פאלען האט דער ארבייטער־קלאַס אָרגאניזירט פאַרזאַמלונגען אין זאלען און אונטער'ן פרייען הימעל, געשיקט פּעטיציעס, גערופען קאָנגרעסען און קאָנפערענצען, ארויסגעטראָטען מיט גאסען־דע־מאָנסטראציעס, מיט גאסען־פּאראדען, דאָ און דאָרט גערופען פּאָ־ליטישע סטרייקס אויף אַ טאָג אָדער מעהר, דאָ און דאָרט אפילו גערופען גענעראל־סטרייקס און אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט דאָס גאנצע עקאָנאָמישע לעבען.

ב. פ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן. דער ארבייטער־קלאַס ווייס, אַז ניט אלע און אפילו ניט אַ חשוב'ער טייל פון זיינע פאָדערונגען וועט ערפילט ווערען פון די קאפּיטאליסטישע הערשער. אָבער פונדעסטוועגען האט ער ניט אויפגעהערט באָמבארדירען די עקס־פּלואטאָרישע מלוכה מיט אלערליי פאָדערונגען וועגען פאַר־בעסערען דאָס לעבען פון די מאסען, וועגען פארקלענערען דעם פאָליטישען שמוץ און שווינדעל. דער ארבייטער־קלאַס ווייס, אַז דאָס קלענסטע, וואָס ער קען ארויסרייסען ביי זיינע בלוט־זויגער, האט אויך אַ ווערט און אַז די פאָדערונגען גופא פאראיי־ניגען זיינע כחות און ווארפען אַ ליכט אויף דעם אומרעכט פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדנונג. נעהמט אַ ביישפּיל: די ארבייטס־לאָזיגקייט. מיר ווייסען, אַז מיט קיין שום פאָדערונגען קען מען ניט אָפּשאפען די ארבייטסלאָזיגקייט, כל זמן ס'איז דאָ קאפּיטא־ליזם. מיר ווייסען, אַז ווען אפילו די קאפּיטאליסטישע מלוכה וואלט געוואָלט, וואָלט זי ניט געקענט באזייטיגען דעם עקאָנאָ־מישען קריזיס, וועלכער איז נאָר די לינקע זייט פון דער קאפּי־טאליסטישער אָרדנונג. פונדעסטוועגען פאָדערט דער ארבייטער־קלאַס פון דער מלוכה, אַז זי זאָל אָננעהמען מיטלען געגען אר־בייטסלאָזיגקייט, ווייל, ערשטענס, ווייסט ער, אַז טאָמער ווערען

אנגענומען אפילו צייטווייליגע מיטלען, ווי געזעלשאפטליכע אר־בייטען אדער מלוכה־הילף פאר די נויט־באדערפטיגע, אדער געוויסע ענדערונגען אין דער עקאנאמישער פאליטיק, קען עס גרינגער מאכען דעם לעבען פון א סך טויזענטער פראלעטאריער, צווייטענס וויים ער, אז דורך אזא אגיטאציע דעקט ער אויף די טיפסטע וואונדען פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג און די גאנ־צע אונפעהיגקייט פון קאפיטאל צו באווארענען די מענשהייט מיט א רוהיג לעבען, און דריטענס וויים ער, אז דורך אזוינע פאדע־רונגען ווערט זיין אייגענער האס צום קאפיטאליזם שטארקער און זיין קאמפס־פעהיגקייט — גרעסער.

ג. פארלאמענטען. דער ארבייטער־קלאס האט כמעט אומעטום זיך באטייליגט אין די וואהלען צו די בורזשואזע פאר־לאמענטען, פארטיידיגט זיין אייגענע פלאטפארמע און אויסגעקלי־בען זיינע קאנדידאטען. דער רעוואלוציאנערער טייל פונ'ם אר־בייטער־קלאס האט געוואוסט, אז ניט דורך פארלאמענטען וועט קו־מע די פראלעטארישע ישועה. פונדעסטוועגען האט ער ניט אויפ־געגעבען זיין אנטייל אין די וואהלען — ווייל ער האט געקוקט אויף זיי ווי אויף א מיטעל צו פראטעסטירען געגען קאפיטאליזם, צו פארמולירען די פאדערונגען פונ'ם ארבייטער־קלאס און צו וועקען דאס רעוואלוציאנערע באוואוסטזיין פון די מאסען.

ד. באוואפענטע ארויסטרעטונגען. אין אייניגע ערטער, דערהויפט די לעצטע יאהרען, איז דעם ארבייטער־קלאס אויסגעקומען ארויסצוגעהן אין גאס מיט געוועהר אין האנד — ניט כדי אומצואווארפען די קאפיטאליסטישע מלוכה, נאר כדי אפצושטויסען די רעאקציאנערען, וואס ווילען פארערגערען די פאליטישע ארדנונג. דאס האבען מיר געזעהן אין דייטש־לאנד, אינ'ם קאמף פון די ארבייטער געגען די יונקערס און מאנאר־כיסטען. דער ארבייטער־קלאס איז ניט גלייכגילטיג צו דער פאליטישער ארדנונג, וואס הערשט אפילו אין דער קאפיטאליסטי־שער מלוכה. איין ארדנונג קען מאכען זיין קאמף שווערער. אין אן אנדערער, א מעהר ליבעראלער, קען ער זיך גיכער ארגאניזירען. דעריבער קען איהם אויסקומען זיך ארייננווארפען אין שטרייט געגען אן אויפשטאנד פון רעכטס. אין אנדערע ערטער קען איהם אויס־

קומען קעמפּען מיט געוועהר געגען די באַנדיטען, וואָס די קאַפּי־טאַליסטישע רויבער באַוואָפענען צו ברעכען דעם ארבייטער־קאַמף.

מען קען ניט אויסרעכענען אַלע מיטלען און אַלע וועגען, ווי אַזוי דער ארבייטער־קלאַס האָט געקעמפט פאַר זיינע אינטערעסען. זייער צאָהל האָט ניט קיין גרעניץ. זייערע פאָרמען זענען אַזוי פאַרשיידענאַרטיג, ווי די פּאַסירונגען פון דער מענשליכער געשיכטע. אָבער איינס איז קלאָר: כדי די ארויסטרעטונגען פון'ם ארבייטער־קלאַס זאָלען האָבען אַן אמת'ע ווירקונג, כדי זיי זאָלען, ערשטענס, ברענגען אַ דערוויילעגען ממשות'דיגען נוצען און, צווייטענס, אָפּשוואַכען די קראַפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור, דאַרפען זיי אָנגעפיהרט ווערען פון איין צענטר, דאַרפען זיי געמאַכט ווערען מיט אַ געוויסען פּלאַן אין אַ באַשטימטער צייט, דאַרפען זיי אָפּט זיין צוגעפּאַסט צו די ארויסטרעטונגען פון דעם ארבייטער־קלאַס אין אַנדערע לענדער.

אָנפיהרען זיי קען נאָר אַ פּאָליטישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי. איהר ענד־ציל איז פאַרכאַפּען די מאַכט אין דער מלוכה. איהר שטענדיגע ארבייט איז שטעהן אַן דעם שפּיץ פון דעם פּראָלעטאַריש־פּאָליטישען קאַמף געגען דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה. איינס אָהן אַנדערען איז ניט דענקבאַר. אָהן טאָג־טעגליכען קאַמף וועט דער ארבייטער־קלאַס ניט צייטיג ווערען צו פאַרכאַפּען די מאַכט. אָהן דעם אידעאַל פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור וועט דער קאַמף האָבען דעם מזל פון אַ שיף אויפ'ן וואַסער אָהן אַ קאָמפּאַס.

א מאַסען־פּאַרטיי — ניט קיין קלייזלעך.

אַ פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע פּאַרטיי דאַרף זיין אַ מאַסען־פּאַרטיי. ס'איז ניט גענוג, אַז די מאַסען זאָלען אַנערקענען איהרע פּרינציפּען. ס'איז ניט גענוג, אַז די מאַסען זאָלען האָבען סימפּאַטיע מיט איהר ארבייט. ס'איז ניט גענוג, אַז די מאַסען זאָלען זי האַלטען פאַר זייער פּאַרטיי. דאָס אַלעס איז נויטיג, אודאי. אָבער דערפון אַליין וועט קיין פּאַרטיי ניט ווערען. ס'איז נויטיג, אַז די מאַסען זאָלען פאָלגען, ווען זי רופט זיי אין קאַמף. און

דערצו איז נויטיג, אז מאסען ארבייטער זאָלען טאַקי זיין אַקטיווע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי.

א פּראָלעטאַרישע קאַמפּס-פּאַרטיי איז ווי אַן ארמעע אויפ'ן שלאַכטפעלד. אודאי איז בעסער, ווען די ארומיגע באַפעלקערונג סימפּאַטיזירט מיט דער ארמיי. אודאי איז בעסער, ווען די באַפעלקערונג האַלט, אז די ארמיי פאַרטיידיגט א גערעכטע זאַך. אָבער דער עיקר איז: האָבען אַן ארמיי, וואָס איז גרייט יעדע מינוט זיך צו ווארפען אין שלאַכט. די פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע פּאַרטיי שטעהט אינמיטען דעם גרויסען סאָציאַלען שלאַכטפעלד. זי דאַרף האָבען צונויפגעשלאָסענע רייהען. זי דאַרף האָבען וואָס מעהר פּראָלעטאַרישע סאָלדאַטען.

דאָ, ווי אין צעהנדליגע אַנדערע פּרטים, זעהען מיר דעם אונטערשייד צווישען אַן אמת'ער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי און דער אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האַלט איצט אין שטאַרבען. די אַמעריקאַנישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אפילו אין איהרע בעסטע יאָהרען געהאַט א מעהרהייט פון מיטפּיהלער, מיטלויפער, וואָס מ'האָט זיך אויף זיי ניט געקאָנט פאַרלאָזען. היינט איז זיי געפעלען — האָבען זיי געשטימט פאַר'ן סאָציאַליסטישען קאַנדידאַט. אין א יאָהר אָדער צוויי ארום האָט דאָס רעדעל זיך איבערגעדרעהט — האָבען זיי געשטימט פאַר א קאַפּיטאַליסטישען משרת. די פּאַרטיי איז ניט געווען קיין אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריער, און די עטליכע טויזענט ארבייטער, וואָס זענען יאָ געווען אַנגעשלאָסען אָן די סאָציאַליסטישע ברענטשעס, האָבען זיך געפיהלט מעהר ווי מיטגלידער פון א דיסקוסיאָנס-קרייז, איידער ווי סאָלדאַטען פון א סאָציאַלער ארמיי. ס'איז ניט געווען קיין גערדיכטע פּראָלעטאַרישע מאַסע, וואָס זאָל שטעהן גרייט זיך אריינצוּוואַרפען אין פּאָליטישען קעסעל-גרוב און קנעטען און פאָרמען דאָס לעבען לויט די פאָדערונגען פונ'ם סאָציאַליסטישען אידעאַל.

אַן אמת'ע פּראָלעטאַרישע מאַסען-פּאַרטיי דאַרף האָבען אָרגאַניזירטקייט, ענטשלאָסענהייט, דיסציפּלין.

אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע האָבען מיר נאָר דאָרט, וואו יעדער איינער פיהלט זיך אַלס טייל פונ'ם גאַנצען. אַן אָרגאַניזאַציע איז

ניט גענוג פעסט, ווען די מיטגלידער פאַרשטעהען ניט דייטליך די אויפגאַבען און די מעטאָדען פון זייער פאַרבאַנד. אַ אָרגאַניזאַציע איז ניט פעסט, ווען די מיטגלידער גלויבען ניט אין איהר ענד־ציל. אַ אָרגאַניזאַציע איז ניט פעסט, ווען יעדער איינציגער מענש קוקט ניט אויף זיין אנטייל ווי אויף אַ וויכטיגע פאַראַנטוואָרטליכע אַרבייט. נאָר דאָרט, וואו ס׳גילט דער כלל „איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם״, האָבען מיר אַן אמת׳ע אויסגעהאַלטענע אָרגאַניזאַציע, וואָס מ׳קען מיט איהר געבען אַ קלאַפּ.

ענטשלאָסענהייט פעהלט ניט דעם אַרבייטער־קלאַס. די גאַנצע וועלט איז פול מיט פּראָלעטאַרישע מלחמות. אָבער ענטשלאָסענהייט האָט געפעהלט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע. און ענטשלאָסענהייט קען ניט זיין דאָרט, וואו מענשען קוקען אויף זייער ברענטש ווי אויף אַ קלוב, ניט ווי אויף אַ קאַמפּס־גרופּע, אַן אָפּטיילונג פון אַ גרויסער אַרמיי. ענטשלאָסענהייט קען פעהלען, ווען מען וויל אי אַ קאַמף אָנפיהרען, אי ניט צערייצען די קאַפּיטאַליסטישע וועלף. צווישען אַזוינע צוויי וואונשען ווערט צערונען דער רעוואָלוציאָנערער גייסט און ס׳בלייבט אַ טשאַד פון ווערטער אָנשטאָט אַ פרייד פון טאַטען.

דיסציפּלין איז נויטיג אין סאָציאַלען קאַמף, ווי אין אַ מלחמה. די פיהרער, דער צענטער פון דער פּאַרטיי, דאַרפען אויסדריקען ניט זייער פּערזענליכען ווילען, נאָר דעם ווילען, די שטימונג און די אידעאַלען פון די מאַסען, וואָס האָבען זיי געקליבען. אָבער האָט מען שוין אויסגעקליבען אַ צענטער און האָט שוין דער צענטער אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַ רוף, אַ לאָזונג — מוז יעדער מיטגליד פאָלגען, צי ער איז מסכים, צי ניט. אָהן אַזאַ דיסציפּלין איז ניט מעגליך קיין טאַט. אין אַמעריקאַנער סאָציאַליזם האָט איהר ניט איינמאָל געהערט פון אַזוי גערופענע איבערגעגעבענע סאָציאַליסטען: „איך הער די פּאַרטיי אין דער לינקער פּיאַטע״. דאָס האָט נאָר אויסגעדריקט די שוואַכקייט פון דער פּאַרטיי. אין אַ געזונדער פּראָלעטאַרישער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע דאַרף אַלצדינג שטעהן אונטער׳ן קאָנטראָל פון איהר פאַרוואַלטונג: די פּרעסע און די רעדנער, די טעאָרעטיקער און די

אָרגאַניזאַטאָרס, די פּאַרלאַמענטאַרישע פאַרטרעטער און די גרויס־טרעטונגען אויף אַלע געביטען פון פּאָליטישען לעבען.

אָרגאַניזאַציע, ענטשלאָסענהייט, דיסציפּלין מוזען העלפען אויפבויען א פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי צווישען די אַמעריקאַנישע מאַסען.

די פּאַרטיי און אַנדערע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס.

די פּאַרטיי קען ניט אַרומנעהמען דעם גאַנצען אַרבייטער־קלאַס. זי קען אפילו ניט אַרומנעהמען דעם גרעסטען טייל פון'ם אַרבייטער־קלאַס. פּאַרטיי און קלאַס וועלען זיך צונויפגיסען ערשט נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווען ס'וועט איבערהויפּט אויפהע־רען זיין קלאַסען און פּאַרטייען. אָבער דאָס וועט ערשט זיין מעג־ליך א לאַנגע צייט נאָך דעם פאַל פון קאַפּיטאַליזם. אין דער קאַ־פּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וועט די אַרבייטער־פּאַרטיי קענען אַרומנעהמען נאָר דעם אויפגעקלערטסטען טייל פון'ם אַרבייטער־קלאַס. עס וועלען זיין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווי די יוניאָנס און אָרדענס, וואָס וועלען האָבען מעהר מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. יעדער איינער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק, מוז זיך קלאָר מאַכען, וואָס פאַר א באַציהונג ס'דאַרף זיין צווישען דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע און אַלע אַנדערע פאַראייניגונגען פון'ם אַרבייטער־קלאַס.

די פּאָליטישע פּאַרטיי קאָן ניט און וויל ניט זיך מישען אין דער אייגענטליכער אַרבייט פון א יוניאָן, א קאָאָפּעראַטיוו, א בילדונגס פאַרבאַנד. די פּאָליטישע פּאַרטיי אַלס אַזעלכע האָט קיין מיטלען ניט צו באַשליסען, אין וועלכען מאָמענט עס איז גוט פאַר די אַרבייטער אַרויסצוגעהן אין סטרייק, פאַרגרעסערען זייערע שכירות, פאַרקירצען דעם אַרבייטס־טאָג. די פּאָליטישע פּאַרטיי פאַרנעמט זיך ניט מיט דער פּראַקטישער אַרבייט פון א קאָאָפּע־ראַטיוו. אָבער די פּאָליטישע פּאַרטיי איז שטאַרק פאַראינטע־רעסירט, אַז אי די יוניאָן, אי דער קאָאָפּעראַטיוו, אי דער אָרדען, אי דער בילדונגס־פאַרבאַנד זאָלען אַזוי אָנפירען זייערע אַרבייט, אַז זיי זאָלען פאַרגרעסערען די קראַפט פון'ם אַרבייטער־קלאַס און

זיין פעהיגקייט צו פארכאפען די מאכט אין דער צוקונפט. אין דעם פרט קאן די פאליטישע פארטיי זאגען: קיין זאך, וואס קומט פאר אינם ארבייטער־קלאס, איז מיר ניט פרעמד, און אין יעדען פרט מוז איך ארויסווייזען מיין ווירקונג.

די יוניאנס זיינען קאמפס ארגאנען פונ׳ם ארבייטער־קלאס. דאס קאן א פראלעטאריש־פאליטישע פארטיי קיינמאל ניט פארגעסען. די יוניאן איז די פונדאמענטאלע ארגאניזאציע פונ׳ם ארבייטער־קלאס, וואס פאראייניגט איהם, דיסציפלינירט איהם און פארבעסערט זיין לעבען. אהן די יוניאנס האט דער ארבייטער־קלאס ניט קיין צוקונפט. דארט אבער, וואו די יוניאנס צעשפליטערן, אנשטאט צו פאראייניגען דעם ארבייטער־קלאס, דארט וואו זיי שטעלען אויף א הויכע וואנט צווישען איין טרייד און א צווייטער אין דעם זעלביגען אינדוסטריע־צווייג, דארט וואו זיי שטעלען אויף א וואנט צווישען געלערנטע און אומגעלערנטע ארבייטער (סקיללד ענד אנסקיללד וואוירקערס) אין דער זעלביגער פאבריק, דארט וואו זיי ערלויבען א פריווילעגירטע גרופע ארבייטער צו באקומען גוט באצאהלט אויפ׳ן חשבון פון דער ניט־פריווילעגירטער מאסע אין דער זעלביגער אינדוסטריע, דארט וואו זיי אנערקענען דעם קאפיטאליזם אלס די ענדגילטיגע אנטוויקלונגס־שטופע און ווילען נאר אויסבעסערן, אבער ניט *פארניכטען* די עקזיסטירענדע ארדנונג, — דארט ערפילען ניט די יוניאנס זייער פליכט פאר׳ן ארבייטער־קלאס. דארט, וואו די קאאפעראטיוון זיינען נאר פראלעטארישע קרעמלעך, וואס ווילען קאנקורירען מיט די געוועהנליכע הענדלער, דארט וואו זיי לערנען ניט די ארבייטער, ווי אזוי צו ארגאניזירען די פראדוקציאן און די פארטיילונג, און אנטוויקלען ניט אין זיי די אידעען פון קאלעקטיווער ארבייטער־פארוואלטונג איבער די אינדוסטריען אנשטאט דער איצטיגער פריוואטער קאפיטאליסטישער פארוואלטונג, — דארט האט דער קאאפעראטיוו א קנאפען ווערט פאר׳ן ארבייטער־קלאס. און דעסגלייכען מיט בילדונג. און דעסגלייכען מיט יעדער אנדערער טעטיגקייט פון ארגאניזירטע פראלעטארישע גרופען.

די פראלעטארישע פאליטישע פארטיי שטעלט זיך פאר אן אויפגאבע — אזוי צו באאיינפלוסען די ארבייטער־ארגאניזאציעס,

אז זיי זאָלען פאַראייניגען און ערציהען דעם ארבייטער פאַר'ן קלאַסען־קאַמף — און דאָס הייסט: איהם פעהיג מאַכען סוף כל סוף צו פאַרכאַפּען די מאַכט אין דער מלוכה. א יוניאָן, וואָס גלויבט אינ'ם „יושר" פון קאַפּיטאַליסטישען פאַרמיטלער, שטעהט אויף א פאַלשען וועג. א יוניאָן, וואָס שטעלט אוועק די ארבייטער פון א גאַנצער אינדוסטריע געגען די פאַראייניגטע קאַפּיטאַליסטען פון דער דאָזיגער אינדוסטריע, פאַרנעמט א ריכטיגע פּאָזיציע אין סאָציאַלען קאַמף. א יוניאָן, וואָס גיט איהרע שטימען די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען פאַר א צוזאָג פון טובות, טוט שלעכט. א יוניאָן, וואָס שטעלט־צו דעם חלק פון א גענעראַל־סטרייק צום האַלז פון קאָנגרעס און פאָדערט א נויטיגען געזעץ, טוט גוט. אַן אָרדען, וואָס פאַרברייננגט זיין צייט אין צערעמאָניעס און וואָס זיין גאַנצער ציעל איז א פּאָר דאָלער פאַר א מיטגליד'ס אַלמנה, איז גלייכגילטיג, אָדער כמעט גלייכגילטיג. אַן אָרדען, וואָס ערציהט זיינע מיטגלידער צו פאַרשטעהן דעם היינטיגען קלאַסען־קאַמף און רופט זיי שטיצען די פּאָליטישע ארויסטרעטונגען פונ'ם ארבייטער־קלאַס, איז א ברודער אין קאַמף.

עס איז קלאָר, אז אַן אמת'ע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי מוז דאָ פון איין זייט שטיצען, פון דער אַנדערער זייט קריטיקירען, אָנווייזען, אויפקלערען, העלפען ארויפפירען אויף א ריכטיגען וועג. די פּאַרטיי איז ניט קיין פרעמדע. זי איז א פריינט. זי שטעהט ניט פון דרויסען, נאָר פון אינוועניג, זי טיילט מיט די ארבייטער אַלע פריידען און ליידען פון קאַמף. די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי זיינען אין דער זעלביגער צייט מיטגלידער פון יעדער אַנדערער אָרגאַניזירטער איינהייט. די ארבייטער־מאַסע קען די פּאַרטיי־מיטגלידער, גלויבט זייער פעהיגקייט, איבערגעבענהייט, פּראָלעטאַרישען מוט. די פּאַרטיי־מיטגלידער שטרעבען דורכפירען אומעטום דאָס פּראָגראַם און די דירעקטיוועו פון זייער פּאַרטיי. אזוי ווערט די פּאַרטיי ענג צונויפגעוועבט מיט דער געדיכטער ארבייטער־מאַסע אין אַלע ערשיינונגען פון איהר עפענטליכען לעבען. דאָס מאַכט מעגליך סיי צו העלפען וואו נויטיג, סיי צו קריטיקירען און אויסבעסערען און אויסגלייכען די קלאַסען־ליניע פון די ארבייטער.

דאָס שטעלט אָבער אויך אַוועק די פּאַרטיי אויף אַ פעסטען פונדאַמענט. פון די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס רעקרוטירט זי איהרע מיטגלידער. דורך די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס פאַר־שפּרייט זי איהרע אידעען צווישען די מאַסען. מיט די פאַרשיי־דענע אָרגאַניזאַציעס געהט זי האַנט אין האַנט, ווען זי דאַרף דורכ־פיהרען אַ גרויסע פּאָליטישע אַקציע. דער גאַנצער אַרבייטער־קלאַס פאַרוואַנדעלט זיך אין איין פעסטען פראָנט נעגען דער קאַפּיטאַ־ליסטישער דיקטאַטור.

אויך אין דעם פּרט האָט די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ניט אויפגעטאָן גאָרניט. די פּאַרטיי האָט ניט אַריינגע־דרונגען אין די יוניאָנס, האָט ניט געהאָלפען אָנפיהרען דעם עקאָנאָ־מישען קאַמף פון די אַרבייטער, האָט ניט צוגעוועהנט די אַרבייטער קוקען אויף דער פּאַרטיי ווי אויף זייער אייגענס. דאָס איז דער־פאַר, וואָס די פּאַרטיי האָט איהר גאַנצע האָפנונג געלעגט אויף די וואַהלען. די פּראַקטיק וואָלט זי געדאַרפט געוועהן איבערצייגען, אַז אויב מ׳האָט קיינמאָל ניט אויסגעקליבען אין אַמעריקאַנער פּאַר־לאַמענט (קאָנגרעס) מעהר ווי איינעם אָדער צוויי סאָציאַליסטען, איז מסתמא דער חשבון אַ פאַלשער, דאַרף מען אַנדערש צוגעהן צו דער אַרבייט, אַנדערש זיך צופּאַסען צום טאָג־טעגליכען לעבען פון די אַרבייטער־מאַסען. די ס. פּ. האָט דאָס פאַרזעהן. דערמיט האָט זי זיך אַליין געשריבען אַ פּסק דין. זי האָט אַזוי לאַנג געשוועבט אין דער לופטען, ביז זי האָט געפּלאַצט, ווי אַ זייפען־בלאָז, און ס׳איז פון איהר קיין סימן אינ׳ם אַרבייטער־לעבען ניט געבליבען.

ביי אונז, אין דער אידישער אַרבייטער־וועלט, האָט דער אָפּי־ציעלער סאָציאַליזם יאָ געהאַט אַ שייכות צום יוניאָן־קאַמף, אָבער דאָ באַגעגענען מיר אַן אַנדערע קראַנקהאַפטע ערשיינונג. די סאָ־ציאַליסטישע וואָרט־פיהרער האָבען ניט אַנטוויקעלט צווישען די מאַסען דעם באַגריף פון אַ שטענדיגער קעמפענדער מאַסען־פּאַרטיי, וואָס לעבט ניט נאָר פון וואַהלען צו וואַהלען, נאָר וואָס טוט ערנסטע געזעלשאַפטליכע אַרבייט אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָהר. ביי אונז האָט מען נאָר איינמאָל אין יאָהר אָדער איינמאָל אין צוויי יאָהר גערופען די אַרבייטער „שטי־מען דעם סאָציאַליסטישען טיקעט”. דער געוועהנליכער אַרבייטער

האָט געצווּנגען דעם פּשוט'ען שלום, אַז ווער עס שטימט סאָציאַ־ליסטיש, פּטר'ט דערמיט זיין סאָציאַליסטישען חוב. ס'איז טרויע־ריג, אָבער ס'איז אַ פאַקט, אַז די ברייטע אידישע מאַסען האָבען קיין באַגריף ניט וועגען דער ארבייט פון אַ פּראָלעטאַרישער פּאָ־ליטישער פּאַרטיי, זיי האָבען קיין באַגריף ניט וועגען פּאָליטישען קאַמף אויסער דעם באַלאָט, זיי פאַרשטעהען ניט דעם אונטערשייד פון אַ „סאָציאַליסטיש־געזאָנענעם" מענשען ביז אַ סאָציאַליסטיש־אָרגאַניזירטען פּאַרטיי־מאַן. די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע אַגי־טאַציע אויף דער אידישער גאַס האָט פאַרוואַסערט דעם סאָציאַ־ליזם, אַרויסגענומען פון איהם דעם קאַמפּס־גייסט, איהם פאַרוואַנ־דעלט אין אַ „סענטימענט", אַ „שטימונג", אַ פראַזע. אינ'ם קאָפּ פון'ם דורכשניטליכען יוניאָן־מאַן איז סאָציאַליזם עפּעס אַ „ווייטע" זאַך, אַ מין טרוים, אַ מין גלויבען, וואָס ריהרט ניט אָן זיין טעג־ליך לעבען. דאַריבער איז מעגליך, אַז מענשען, וואָס רופען זיך געטרייע סאָציאַליסטען, זאָלען אין יוניאָן־קאַמף אַנערקענען די טעאָריע פון שותפות צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, אַז מענשען, וואָס שטימען פאַר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען, זאָלען אפילו ניט טראַכטען, אַז די יוניאָנס האָבען אַ רעכט און אַ מעגליכקייט איבערצונעמען די אינדוסטריען אין זייערע הענט. דער אידישער ארבייטער ווייס ניט, אַז אַ סאָציאַליסט — אַ קעמפער — אַ פּאַרטיי־מאַן מוז זיין טעטיג אין זיין פּאַרטיי אַלע טאָג, אין פאַר־בינדונג מיט אַלע פּאַסירונגען פון דעם עפענטליכען לעבען, און אַז דאָס איז ניט ווייניגער וויכטיג, ווי די יוניאָן און איהר עקאָנאָמישער קאַמף.

אַן אנדער טרויעריגע פּראַקטיק פון'ם אָפיציעלען סאָציאַליזם אויף דער אידישער גאַס איז דאָס, וואָס מ'האָט כסדר גע'חנפ'עט זייערע פיהרער און קיינמאָל ניט געקריטיקירט — ניט די פּרינ־ציפּען, ניט די פּראַקטיק. אין די אידישע יוניאָנס איז דאָ אַ סך קליינבירגערליכע אידעאָלאָגיע און אומגעזונטע פּראַקטיק. געגען דעם דאַרף מען קעמפען. דער קאַמף פון דער פּאַרטיי אין די יוניאָנס איז אַ קאַמף פון אויפקלערונג, ערציהונג, פּאַרטיפונג, פאַרשטאַרקונג פון קלאַסען־באַוואוסטזיין, וואָס דאָס קאָן נאָר מאַכען די יוניאָנס אַנטשלאָסענער און פעסטער. עס איז ניט מעהר

ווי רכילות, ווען עמיצער זאָגט, אַז די וואָרט־פיהרער פון אַ פּראָלעטארישער פּאָליטישער פּאַרטיי ווילען „ברעכען" די יוניאָנס. דער אמת איז, אַז זיי ווילען ניט ברעכען, נאָר בויען.

די פּאָליטישע פּאַרטיי דאַרף פאַראייניגען אַלע טעטיגקייטען פון דעם ארבייטער־קלאַס, פון אַלע זיינע גרופּען, פאַרבאַנדען, אַנשטאַלטען. די פּאַרטיי דאַרף זיין די קראַפט, וואָס הויבט זיי אַלע אויף צו דער מדרגה פון איינצעלנע אַקטען פון איין גרויסער סאָציאַלער פרייהייטס־באַוועגונג. די פּאָליטישע פּאַרטיי איז די יעניגע פּראָלעטארישע אָרגאַניזאַציע, וואָס אַלע איבעריגע טעטיגקייטען פונ'ם ארבייטער־קלאַס זיינען איהרע הילפס־אַקציעס פאַר איהר גרויסען ציעל. ווי דאָס האַרץ שיקט שטראָמען בלוט אין אַלע טיילען פונ'ם קערפּער, אַזוי שיקט די פּאַרטיי שטראָמען געדאַנק און ווילענס־קראַפט און טאַט־קראַפט און ציעל־באַוואוסטזיין אין אַלע אָרגאַניזאַציעס פונ'ם ארבייטער־קלאַס.

אַן אָפענע אָדער אַ באַהאַלטענע פּאַרטיי?

פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבען ביז אהער געזאָגט, איז שוין קלאָר, אַז די פּראָלעטארישע פּאַרטיי קאָן ניט זיין קיין געהיימע. די פּאַרטיי איז אַן אָרגאַניזאַציע פון מאַסען. די פּאַרטיי איז פאַרבונדען מיט אַלע צווייגען פון דער ארבייטער־באַוועגונג. די פּאַרטיי פירט אָן אַ פּאָליטישען מאַסען־קאַמף. ווי קאָן זי בלייבען באַהאַלטען?

ס'האָבען זיך אָבער געפונען מענשען, וואָס האָבען אַרויסגעשטעלט באַהאַלטענקייט אַלס פּרינציפּ. די דאָזיגע מענשען האָבען, ערשטענס, ניט פאַרשטאַנען דעם אונטערשייד צווישען רוסלאַנד און אַנדערע לענדער, צווייטענס, האָבען זיי ניט געזעהן דעם אונטערשייד פון רעוואָלוציאָנערע ביז פרידליכע צייטען. אין רוסלאַנד איז י ע ד ע פּאָליטישע טעטיגקייט געווען פאַרבאָטען ביז 1905. ליבעראַלען צי סאָציאַליסטען, רעוואָלוציאָנערען צי פּאָליטישע קולטור־טרעגער, — אַלע האָבען געמוזט טאָן זייער ארבייט באַהאַלטענערהייט. דער רוסישער עולם איז ערצויגען געוואָרען צו פאַרטרויען אַ באַהאַלטענער „אומלעגאַלער" אָרגאַניזא־

ציע. נאָך מעהר, דער עולם האָט איהר מעהר געטרויט, ווי אַ לע־גאַלער. פונדעסטוועגען איז אפילו דאָרט ניט געלונגען צו גרינ־דען אַ ברייטע אומלעגאַלע מאַסען־פּאַרטיי; מ׳האָט געקאָנט אָר־גאַניזירען נאָר אַ פּאַרטיי־אַ פּ אַ ר אַ ט. ניט מעהר, די ברייטע מאַסען האָבען איהם געגלויבט און געפאָלגט זיין צורוף. אין אַמע־ריקע איז אַנדערש. אין אַמעריקע איז יעדע פּאָליטישע טעטיגקייט ביז אַהער פאַרגעקומען עפענטליך, מיט פּויקען און טרומייטען. דער אַמעריקאַנער מאַסען־מענש האָט קיין באַגריף ניט, וואָס איז אַזוינס אַ געהיימע פּאָליטישע פּאַרטיי, און ער וועט ניט פאָלגען איהרע דירעקטיוועז. פאַר איהם איז דאָס אַ שפּיל אין פאַרשווע־רער, אַ דעטעקטיוו־געשיכטע, ניט קיין ערנסטע פּאָליטישע באַ־וועגונג.

אַנדערש וואָלט געווען, ווען ס׳איז שוין דאָ אַ ברייטע אויפ־געבויטע פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס צוליב אַן אָנפאַל פונ׳ם שונא מוז זי אויף אַ ווײלע אויפהערען עקזיסטירען לעגאַל אונטער איהר אייגענעם נאָמען. ווען אַ פּאַרטיי איז גוט דיסציפּליניזירט, איז זי ניט שווער אָנצופירען פון אַ באַהאַלטענעם צענטער. די מיט־גלידער זיינען סיי ווי פאַרבונדען איינער מיט׳ן צווייטען, די ברענ־טשעס זיינען פאָרמעל אויפגעלעזט, אָבער די מיטגלידער קומען זיך צוזאַמען. די מאַסען קענען די פיהרער, פאַרשטעהען זיי אויפ׳ן וואונק, גלויבען זיי אויפ׳ן וואָרט. די ליבע צו דער אייגענער אָר־גאַניזאַציע ווערט נאָך שטאַרקער. אָט אין אַזאַ לאַגע קאָן מען אויפהאַלטען די פּאַרטיי און זי אפילו אָנפיהרען אין קאַמף. אַזוי איז געווען אונטער׳ן סאָציאַליסטען־געזעץ אין דייטשלאַנד, ווען די פּאַרטיי איז געווען אומלעגאַל און דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען אונטער דער ערד אָדער אין אויסלאַנד. איז דאָס אָבער מעגליך נאָר דאַן, ווען אַ פּאַרטיי מיט אַ פּאַרטיי־פּאַטריאָטיזם מיט אַ פּאַרטיי־דיסציפּלין זיינען ש ו י ן ד אָ, נאָר זי מוז זיך באַהאַלטען צוליב פאַרפאָלגונג. אין אַמעריקע איז אָבער אַזאַ פּאַרטיי נ אָ ך נ י ט אָ. מען דאַרף זי ערשט גרינדען. און גרינדען און אָנפיהרען אַ מאַסען־פּאַרטיי דורך אַן אונטערערדישען אַפּאַראַט איז אַן אומזין.

פאַראַן נאָך אַן אַנדער לאַגע, ווען מען קאָן זיך דענקען, אַז

א באהאלטענער פארטיי־צענטער איז נויטיג. שטעלט זיך פאר, אז דאס לאנד לעבט שוין דורך א רעוואלוציאנערען שטורם. די יסודות פון דער געזעלשאפט זיינען ערשיטערט. די פעסטע פאר־מען פון סאציאלען לעבען זיינען אויפגעלייזט. אלערליי מעגליכקיי־טען עפענען זיך פאר א רעוואלוציאנערער פארטיי. א גוט־דיס־ציפלינירטער, אנטשלאסענער צענטער, וואס האט אפילו ווייניג ארגאניזירטע מיטגלידער, קאן נאך זיך נאכציהען גרויסע מאסען, ווען ער רופט זיי צו באשטימטע טאטען. א באהאלטענער צענטער האט דאן א זין. אזוי איז געוועזן אין זומער 1917 מיט דעם צענ־טראל־קאמיטעט פון די באלשעוויקעס. ווען זשע איז דאס געווארען? אין צייט פון רעוואלוציאנערע שטורעמס, ווען ס'איז נישטא קיין צייט צו ארגאניזירען, ווען מען דארף שוין דער־לאנגען א קלאפ נאך א קלאפ און ווען מ'איז זיכער, אז דער גע־היימער פארטיי־צענטער דריקט אויס די מאמענטאנע שטימונג פון די ברייטע מאסען. ווען אין לאנד איז אבער מעהר אדער ווייניגער רוהיג, ווען די אויפגאבע איז — אויפבויען א פראלעטארישע מאסען־פארטיי, דאן איז דאס שפילען אין באהעל־טעניש א שטערונג.

באהאלטענקייט איז ניט קיין פרינציפ. ס'איז אן אומגליק. ווען מ'האט טאקע גאר קיין שום ברירה ניט — העלפט ניט. מוז מען זיך באהאלטען. אבער דארט, וואו ס'איז דא די קלענסטע מעגליכקייט, שטרעבט אן ארבייטער־פארטיי ארויסצוגעהן פון אונ־טער דער ערד, ווארום א פארטיי איז אן עפענטליכע ארגאניזאציע, איהר אויפגאבע איז צו ווירקען אויפ'ן עפענט־ליכען לעבען, איהרע מעטאדען זיינען מעטאדען פון מאסען־אקציאן, וואס קאנען בשום אופן ניט זיין באהאלטען. פארטיי־לעבען און באהאלטענקייט זיינען סותר איינס דאס צווייטע. און אויב מען מיינט ערנסט מיט א פאליטישער פארטיי, אויב מען מיינט ניט זיך שפילען אין קאנספיראציעס און פארשווערעריי צוליב דעם פארגעניגען פון עטליכע מענשען, דארף מען זיך אפ־זאגען פון אט דעם אויך־מיר־פרינציפ.

שטאמען שטאמט אט דער „פרינציפ" פון יענער צייט, ווען דא האט זיך געגרינדעט די קאמוניסטישע פארטיי. מענשען

האָבען געלעבט מיט'ן איינדרוק פון רוסלאַנד, און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַמעריקע איז שוין אויך ערשיטערט פון אַ רעוואָלוציאָנערען אויסברוך. מ'האָט ניט אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע לאַגע פון אַמעריקע און ניט געזעהען די באַזונדערהייטען פון אַמעריקאַנישען לעבען. מ'האָט גענומען רופען צו אויפשטאַנדען און צו מאַכט־פּאַרכאַפּונג אין אַזאַ צייט, ווען די מאַסען האָבען נאָך אפילו קיין באַגריף ניט געהאַט וועגען פּאָליטישען קאַמף און וועגען דער נויטווענדיגקייט צו באַקומען די מאַכט. ס'איז געווען אַ באַוועגונג אָהן אַ באָדען אין לעבען, אָהן אַ פּלאַן, אָהן אַ האָפנונג אויף ערפאָלג. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין אַזאַ לאַגע איז באַהאַלטענקייט געווען אומפאַרמיידליך. אַ פאַקט איז, אַז היינט זעהען שוין די קאָמוניסטען אויך איין זייער טעות. זיי ווייסען שוין, אַז ס'האַלט ניט ביי קיין רעוואָלוציע אין אַמעריקע, ס'האַלט נאָך ניט ביי פאַרכאַפּען די מאַכט, פונדעסטוועגען ווילען זיי ניט אויפגעבען זייער באַהעלטעניש און וואַרפען אַרויף אַ מאַנטעל פון סוד אויף אַזוינע אַקטען, וואָס זיינען בטבע קיין סוד ניט — אַ פּאָליטיק וואָס קען נאָר פּרוכפּערן אומפאַראַנטוואָרטליכקייט און שטערען דעם וואוקס פון אַ ברייטער פּאַרטיי.

אַ פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע דאַרף ערשט ווערען געבויט. די מאַסען, די ברייטע אַרבייטער־מאַסען, דאַרפען ערשט ערצויגען ווערען צו פאַרשטעהן זייערע קלאַסען־אינטערעסען. דאָס האָט מען ביז אַהער ניט געטאָן. די מאַסען דאַרפען דערזעהן און דערפיהלען די באַדייטונג פון אַ פּאַרטיי־פאַקטאָר סיי אין זייער אַלטעגליכען לעבען, סיי אין דעם ליכט פון זייער ענדגילטיגער באַפרייאונג. דאָס איז נאָך גאָר אַ נייעס. די מאַסען דאַרפען אַריינגעצויגען ווערען אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי און צוגעוואוינט ווערען צו אָרגאַניזירטע פּאָליטישע אַקציאָנען. דאָס פאַרלאַנגט אויסגעהאַלטענע, לאַנגדויערדיגע אַרבייט. דאָס איז אוממעגליך פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס קיינער קען זי ניט און קיינער ווייסט זי ניט און איהר גאַנצע עקזיסטענץ איז פאַר די ברייטע מאַסען נאָר אַ נאָמען.

אַ פּאָליטישע מאַסען־פּאַרטיי איז אַ פּאַרטיי, וואו דער קאָלעקטיווער שכל, דער קאָלעקטיווער ווילען און די קאָלעקטיווע

שטרעבונגען דיקטירען די האנדלונגען פון דעם כלל און פון די פיהרער. דאָס איז אוממעגליך דאָרט וואו די אָרגאניזאציע לעבט ניט מיט א פולען לעבען. צופּאסען די האנדלונגען צו די פאָדערונגען פונ׳ם לעבען, פארריכטען פעלערען, אונטערדריקען שענדליכע טענדענצען, — דאָס אלץ איז אוממעגליך אין א קאָנספּיראטיווער פּארטיי.

יעדע אָרגאניזאציע, וואָס קעמפט געגען דער דיקטאטור פון קאפּיטאל אין א קאפּיטאליסטישער מלוכה, דאַרף זיין גרייט צו אָן אָנפאל פון די הערשער. דאָס איז זעלבסטפארשטענדליך. ו ו ע ן דער אָנפאל וועט קומען, איז ניט אלע מאָל גרינג צו טרעפען. אמאָל האָט די הערשענדע קליקע מורא אויפצורייצען די מאסען. אמאָל טראכט זי זיך, אז די באוועגונג איז ניט געפערליך. אמאָל איז זי צווישען זיך ניט איינינג. אָבער ס׳איז קלאָר, אז אָנפאלען וועט זי. און ס׳איז קלאָר, אז אין א צייט פון אן אָנפאל קאָן א פּארטיי ניט אויפהערען עקזיסטירען. אָבער איין זאך איז — א גרופּע מענשען, וואָס וועט איבערנעמען די פיהרונג ווען ס׳וועט ניט זיין קיין אנדער ברירה, און אן אנדער זאך — פארלאנגען, אז די גאנצע אָרגאניזירונג און ערציהונג און אָנפיהרונג פון א פּראָלעטארישער מאסען־פּארטיי זאָל פּאַרקומען פון „אונטער דער ערד״. ווער עס פאָדערט דאָס, ווייס ניט, וואָס הייסט א פּארטיי.

א פּראָלעטארישע פּאָליטישע פּארטיי איז א פּארטיי פון מאסען, א פּארטיי פון ברייטער פּראָפּאגאנדע, א פּארטיי פון ברייטער האנדלונג. ווער עס וויל ניט אזא פּארטיי, זאָל זיך געהן און גרינדען אונטערערדישע קרייזלעך.

א פּאַרטיי פון קאַמף, ניט פון פשרות.

אָבער אזא פּארטיי איז אין אמעריקע נאָך קיינמאָל ניט געווען. איז דאָס ניט א פאנטאזיע — האָפען אויפצובויען אזא פּארטיי אויף אמעריקאנער באָדען? האָט דען דער צוזאמענברוך פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי ניט באוויזען, אז אמעריקע איז ניט מסוגל צו אזא מין פּארטיי־לעבען?

לאָמיר זיך קלאָר מאַכען, וועגען וואָס דאָ רעדט זיך. ס'איז איינס פון דיביידע: ענטוועדער אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין קלאַסען־קאַמף, אָדער אַ פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע איז אומפּארמיידליך. פאַראַן מאַסען טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער, וואָס לייקענען דעם קלאַסען־קאַמף. נאָך טעאָרעטיקער געהט אין די אַמעריקאַנישע אוניווערזיטעטען. נאָך פּראַקטיקער ווענדעט זיך צו סעמועל גאָמפּערס. פון זיי וועט קיין פּאָליטישע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע ניט שטאַמען. אויף זיי וועט זי זיך ניט שטיצען. פאַראַן אָבער הונדערטער טויזענטער ארבייטער אין אַמעריקע, וואָס שטעהען שוין אין דעם קאָך פון קלאַסען־קאַמף, פאַראַן הונדערטער טויזענטער, וואָס ווילען פאַרניכטען די מאַכט פון קאַפּיטאַל. זיי האָבען נאָך אפשר ניט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגען זייערע אָביעקטיווע ציעלען, זיי זעהען ניט קיין וועג, אָבער זיי ווייסען, אז ס'וועט ניט זיין קיין פרידליך צוזאַמענלעבען צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. אָט פון זיי דאַרף אַן ארבייטער־פּארטיי ציהען איהר חיונה. זיי דאַרפען בילדען איהר בלוט און מוסקולען און נערוועז.

די אַמעריקאַנישע סאָציאַליסטישע פּארטיי איז אונטערגעגאַנגען גראַד ווייל זי האָט זיך ניט געפּרובט צופּאַסען צום אַמעריקאַנישען לעבען. די סאָציאַליסטישע פּארטיי האָט אוועקגעשטעלט פּאַרלאַמענטאַרישע וואַהלען אין מיטעלפּונקט פון איהר ארבייט. זי איז געווען אַ פּאַרטיי פון וואַהל־אָרגאַניזאַציע און וואַהל־פּראָפּאַגאַנדע. איז אָבער דער פּאַרלאַמענט ניט דער צענטער פון אַמעריקאַנישען לעבען. דער פּאַרלאַמענט פאַרנעמט אין אַמעריקע דעם פּלאַץ פון אַ דינער, וואָס די בעלי־בתים פון לעבען גיבען איהם באַפעלען און ער פּאָלגט אָהן טענות. די בעלי־בתים פון לעבען קעמפען אויס זייערע מלחמות אויף דער סצענע פון לעבען גופא. אין שאַפּ, אין אָפיס, אין פאַרם, אין מיטינג־זאַל, אין די הויפּט־קוואַרטירען פון די ארבייטער־יוניאָנס, אין די צענטראַל־קאָמיטעטען פון די פאַבריקאַנטען ווערט געמאַכט דאָס אַמעריקאַנישע לעבען, ווערט געמאַכט אַמעריקאַנישע געשיכטע. אַ פּאַרטיי פונ'ם ארבייטער־קלאַס דאַרף שטעהן אינמיטען אָט דעם טאָגטעגליכען פּראַקטישען לעבען, דאַרף זיין איינע פון די קרעפטען,

אײנע פון די הױפּט־קרעפטען, װאָס געשטאַלטען די אַמעריקאַנישע געשיכטע. איהר הױפּט־אױפגאַבע, איהר גרונד־ציעל איז פאַרכאַפּען די מאַכט און אָפּשאַפען די דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל. דעם דאָזיגען ציעל לאָזט זי אױף קײן אײנציגע רגע ניט אַרױס פון אױג. אָבער אין דער זעלביגער צײט לאָזט זי ניט אַרױס פון אױג קײן אײנציגע געשעהעניש, װאָס האָט אַ באַדײטונג פאַר'ן אַרבײטער־קלאַס. און אַזױ װי ס'איז דאָ װעניג געזעלשאַפטליכע ערשײנונגען, װאָס זאָלען ניט אָנריהרען דעם אַרבײטער דירעקט אָדער אינדירעקט, איז זײן פּאַרטײ פאַרקניפּט, פאַרבונדען מיט אַלע געשעהענישען פונ'ם געװעהנליכען לעבען. אַ סטרײק אָדער אַ לאָק־אױט, אַ פאַרבאַנד פון פאַרמערס אָדער אַ באַװעגונג פון קלױרקס, אַ ביל װעגען טאַריף אָדער אַ נײער קריגס־שיף, אַ האַנדעלס־אָפּמאַך אָדער אַ קאָלאָניע, אַ שול־געזעץ, אָדער אַ רעליגיעזע באַװעגונג, — אין אַלצדינג מישט זיך די פּראָלעטאַרישע פּאַרטײ, אַלצדינג האָט זי אין זינען, װעגען אַלצדינג האָט זי אַ מײנונג, אַלצדינג װיל זי ענדערען אין הסכם מיט די אינטערעסען פונ'ם אַרבײטער־קלאַס — און װען נױטיג רופט זי די אַרבײטער צו האַנדלען, צו פאָדערען, צו פּראָטעסטירען, צו קעמפען.

צװישען איצט און דעם מאָמענט, װען ס'װעט װערען מעגליך צו עראָבערען די מאַכט, הערט די פּאַרטײ ניט אױף באָמבאַרדירען די דיקטאַטור פון קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם איז שטאַרק ניט נאָר אין פּאַרלאַמענט. דער קאַפּיטאַליזם איז שטאַרק אין אַלע צװײגען פון לעבען. די פּאַרטײ דערלאַנגט איהם אײן קלאַפּ נאָך דעם אַנדערן, װאו נאָר זי קען איהם דערלאַנגען. די פּאַרטײ אָרגאַניזירט די כחות, װאָס װעלען איהם צושטערען. די פּאַרטײ דיסקרעדיטירט איהם אין די אױגען פון די, װאָס האָבען נאָך אין איהם בטחון. די פּאַרטײ לעגט שטרױכלונגען אױף זײן װעג אַלעמאָל װען ער װיל מאַכען אַ נײעם טריט. די פּאַרטײ טראָגט אַרײן שפּאַלטונג אין זײנע אײגענע רײהען — שפּאַלטונג צװישען גרױס־קאַפּיטאַל און קלײן קאַפּיטאַל, צװישען קלײן־קאַפּיטאַל און האַלב־פּראָלעטאַריער, צװישען פאַבריק־קאַפּיטאַל און אַגראַריער. די פּאַרטײ נוצט אױס דעם גינסטיגען אינטערנאַציאָנאַלען מאָמענט צו דערלאַנגען דעם קאַפּיטאַל אַ קלאַפּ, װאָס

זאָל איהם שמאַרצען. די פּאַרטיי קאָמבינירט אַפּט איהר טעטיגקייט מיט די אַרויסטרעטונגען פון די אַרבייטער־פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער. דערהויפּט ווערט דאָס דרינגענד נויטיג ווען דער קאַפּיטאַל וויל אַרויפצווינגען אַ נייעם קריג אויף די פעלקער, כדי צו פאַרשטאַרקען זיין ממשלה און פאַרגרעסערען זיין רויב. די פּאַרטיי קאָמבינירט איהרע קרעפטען מיט אַלע אַנדערע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס פונ׳ם לאַנד — כדי אָפּצושוואַכען, אונטערגראַבען, פּאַנאַנדערטרייסלען, שטיקלעכווייז צעברעקלען, וואו נאָר מעגליך, דאָס געביי פון קאַפּיטאַליזם נאָך פאַר׳ן ענדגילטיגען שטורעם. וואָס ווייטער ס׳וועט דויערען, אַלץ שטאַרקער וועלען ווערען די קלעפּ, אַלץ אַנגעשטרענגטער די שלאַכטען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט.

עס איז קלאָר, אַז פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמף פאַרנעהמט נאָר איינעם, און אפשר גאָר אַ קליינעם פּלאַץ אין דעם אַלגעמייגעם סיסטעם פונ׳ם אַרבייטער־קאַמף. פּאַרלאַמענטאַרישע וואַהלען, פּאַרלאַמענטאַרישע אַגיטאַציע, אַרויסטרעטונגען פון פּאַרלאַמענטאַרישע דעפּוטאַטען זיינען אַמאָל נויטיג, כדי צו ריידען פאַר ברייטע מאַסען, כדי צו ערקלערען אפילו ניט נאָר דער אַרבייטער־וועלט אַליין, וואָס עס וויל דער פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרלאַמענטאַרישע טריבונע איז הויך — מען זעהט זי ווייט. אָבער גלויבען, אַז דורך פּאַרלאַמענטאַרישען קאַמף וועט באמת געהאָלפען ווערען דער אַרבייטער־קלאַס, איז נאַריש. זאָגען די אַרבייטער, אַז זיי דאַרפען לייגען זייער האָפנונג אויף געזעצגעבער — איז אַ פאַרברעכען. דער פּאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטער איז נאָר אַ סאָלדאַט אין דער גרויסער פּראָלעטאַרישער אַרמיי. ער, אויף זיין פּלאַץ, טוט אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר מעגליך, כדי אָפּצושוואַכען די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט און נעהענטער מאַכען דעם מאָמענט פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

עס איז קלאָר, אַז אַ פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע פּאַרטיי געהט ניט אויף פשרות מיט די שונאים. דאָרט, וואו די צאָהל פּאַרלאַמענטס־דעפּוטאַטען איז פאַר אַ פּאַרטיי דער עיקר, האָט אַ זין צו מאַכען אַ בייט מיט דער אָדער יענער געגנערישער פּאַרטיי: מיר וועלען דיר אָפּטרעטען אונזערע שטימען אין איין פּלאַץ, דו

וועסט אונז געבען דיינע שטימען אין אן אַנדער פּלאַץ. דאָס איז א פשרה, אָבער דורכדעם געווינט מען דעפּוטאַטען. דאָרט אָבער וואו דער פּאַרלאמענט איז נאָר א הילפּס־מיטעל אין דעם אלגעמיינעם אונאויפהערליכען מאַסען־שטרייט, דאָרט זיינען פשרות אי אונזיניג, אי שעדליך. קאַמף איז קאַמף. צוזאַמענלעבען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט איז אונמעגליך. צוזאַמענלעבען צווישען א קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאציע און אן ארבייטער־ארגאַניזאציע איז אוממעגליך. שליסען וואַפען־שטילשטאַנד וואָלט געהייסען פאַרראטען די אייגענע אינטערעסען. די אלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָבען צוליב דעם אָנגעווארען זייער קרעדיט און זייער ווירקונג, ווייל זיי האָבען געשלאָסען „שלום־בית" מיט די קאַפּיטאַליסטען אין קריגס־צייט. ניטאָ קיין שלום־בית צווישען אייך און דעם וואָס עסט אייך. ניטאָ קיין יושר ביי אַ שונא. ווען איהר פאַרלאָזט זיך אויף זיין יושר, זייט איהר נאַאיוו.

עס איז קלאָר, אַז מען דאַרף זיך ניט אויספּיינען פאַר'ן שונא. דאָס איז אוממעגליך. וואָס איהר וועט ניט טאָן, וועט דער שונא זאָגען: איהר זייט אומגערעכט. ווי איהר זאָלט ניט מדקדק זיין אין אייערע מעשים, וועט דער שונא זאָגען: ס'איז אומגעזעצליך. ווי איהר זאָלט ניט זיין עדעל און אַלטרואיסטיש, וועט דער שונא זאָגען: ס'איז אוממאָראַליש. דאָס טראַגי־קאָמישסטע אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז איהר שטרעבען זיך אויסצופּיינען פאַר די קאַפּיטאַליסטען. זי האָט געוואָלט אונטערשטרייכען, אַז זי האָט רעספּעקט פאַר „געזעץ", „אָרדנונג", „יושר" — אַלץ ווי עס עקזיסטירט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. א פּראָלעטאַריש־פּאָליטישע פאַרטיי דאַרף זיך אויספּיינען נאָר פאַר איינעם: פאַר'ן ארבייטער־קלאַס. פ א ר א י ה ם זיך אויספּיינען הייסט: ניט אָפּטרעטען פון די פּאָזיציעס אויף א האָר, ניט ארויסלאָזען די פאָן אויף אַ רגע. וואָס איז שייך די שונאים, איז דאָס איינציגע געפיהל, וואָס אן ארבייטער־פּאַרטיי וויל אין זיי דערוועקען: מורא.

פּאַרטייען פון נעכטען, פון היינט און פון מאָרגען.

פון דעם אַלעם איז שוין קלאָר, וואָס עס דאַרף זיין א פּראָלע־טאַרישע פּאָליטישע מאסען־פּארטיי. עס איז אויך קלאָר, אז אין אמעריקע איז ביז אַהער אזא פּארטיי נאָך ניט געווען. אָבער כדי אונטערצופיהרען א סך־הכל און כדי איינגאַנצען קלאָר צו מאַכען די פראגע, איז אפשר נויטיג ווארפען א בליק אויף די פּאַרטייען, וואָס האָבען ביז אַהער געפּרופט אַרבייטען צווישען אמעריקאנער פּראָלעטאַריאַט.

געווען די סאָשעליסט לייבאָר פּארטי — ס. ל. פּ. געשטאַנען אויף א ריכטיגען מארקסיסטישען באָדען, אָבער איהר טאַקטיק איז געווען א פאלשע. די פּארטיי האָט געהאַט דאָס פּנים פון א סעקטע, ניט פון קיין מאסען־פּארטיי. זי האָט זיך מעהר אינ־טערעסירט מיט׳ן אות פון פּראָגראַם, ווי מיט דער לעבעדיגער פּאָליטישער טאַט. זי האָט זיך מעהר געגריבעלט אין דער כשר׳־קייט פון איינצעלנע מיטגלידער, איידער געפּרופט צוזאַמענבינדען מענשען אין א שטרעבונג צו קעמפען פאַר בעסערס. זי האָט געליטען אונטער דער דיקטאַטור פון איין פּערזאָן — דעליאָן — און האָט ניט געקאָנט וואַקסען. די באַציהונג צו די יוניאָנס איז אויך געווען א פאלשע. אָנשטאָט צו אַרבייטען אין די עקזיס־טירענדע יוניאָנס, האָט די פּארטיי געפּרובט גרינדען איהרע אייגענע, פּאַראַלעלע, עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. אָנשטאָט צו אָנערקענען די גרויסע וויכטיגקייט פון **פּ א ר א י י נ י ג ט ע** קרעפטען אין עקאָנאָמישען קאַמף, האָט די ס. ל. פּ. זיי געפּרופט צושפּאַלטען. פּאַרגליווערטער פּארטיי שלחן־ערוך אָשטאָט אַרבייט אין פּאָליטישען פעלד, א שעדליכע שפּאַלטונג־אַרבייט אין עקאָ־נאָמישען פעלד — דאָס האָט פאַרקריפּעלט די פּארטיי פון אָנפאנג אָן, און זי האָט ניט דערלעבט פאַרנעמען א פּלאַץ אין עפענטליכען לעבען.

געווען די סאָשעליסט פּארטי — ס. פּ. וועגען איהר האָבען מיר שוין עטליכע מאָל גערעדט אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען. דאָ ווילען מיר נאָר אין קורצען צוזאַמענפאַסען די פאַנאַנדערגע־וואָרפענע באַמערקונגען און שטריכען.

1. די ס. פּ. האָט אין איהרע בעסטע יאָהרען גערעדט מעהר צו די בורזשואזע אינטעליגענטען, צו דער קליין־בורזשואזיע און צום „פּובליקום" סתם, איידער צו די ארבייטער־מאסען. איהרע ברענטשעס זיינען מעהרסטענס באשטאַנען פון קליינבירגערליכע עלעמענטען און זעלטען פון אמת'ע פּראָלעטאַריער, וואָס ארבייטען אין די פאבריקען.

2. אזוי ווי איהר פונדאמענט איז ניט געווען דער ארבייטער קלאַס, דעריבער האָט איהר אַגיטאַציע געטראָגען א מאָדנעם כאַראַקטער. ווער עס רעדט צו די ארבייטער, דער זאָגט דייטליך: „איהר, ארבייטער, דאַרפט פאַרניכטען דעם קאַפּיטאַליזם". ווער עס רעדט אָבער צום „פּובליקום" סתם, דער קען אזא שפּראַך ניט האָבען. ניט ווילענדיג האָט די ס. פּ. געפיהרט אן אבסטראַקטע אַגיטאַציע, וואָס האָט מיט קלאַסען־קאַמף וועניג וואָס צו טאָן. „קאַפּיטאַליזם איז שלעכט, סאָציאַליזם איז גוט", „די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז באַנקראָט, דער סאָציאַליזם קען באַפרייען די מענשהייט", — אָט אזוי האָט געקלונגען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע פון דער ס. פּ. אין ניין פאַלען פון צעהן. אז סאָציאַליזם איז אן אויפגאַבע פון'ם א ר ב י י ט ע ר ־ ק ל א ס און אז דער ארבייטער־קלאַס דאַרף זיך אָרגאַניזירען צ ו ם ק א מ ף — דאָס האָט ביי דער ס. פּ. פאַרנומען דעם לעצטען פּלאַץ. דאָס הייסט אָבער, אז די פּאַרטיי האָט אנגעפיהרט אן אַגיטאַציע פון סאָציאַליסטישע ו ו ע ר ט ע ר אויף א סענטימענטאַל־ליבעראַלען שטייגער. און דאָס הייסט, אז דער סאָציאַליזם איהרע איז געווען אָהן צייהן.

3. אזוי ווי די ס. פּ. האָט וועניג געטראַכט וועגען אמת'ען פּאָליטישען קלאַסען־קאַמף פון'ם פּראָלעטאַריאַט, האָט זי נאַטירליך איהר גאַנצע האָפנונג געלייגט אויף די וואַהלען. און אזוי ווי אין אמעריקע ערציהט מען ניט די וועהלער צו פאַרשטעהן פּאָליטישע פראַגען, נאָר איין מאָל אין צוויי יאָהר מאַכען די רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטען א גרויסען טומעל און זאָגען צו גאָלדענע בערג, דעריבער האָט די ס. פּ. גענומען נאָכמאַכען די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. איהר גאַנצער אַפּאַראַט איז געוואָרען ניט מעהר ווי א וואַהל־אַפּאַראַט. איינמאָל אין צוויי יאָהר

האָט זי אויפגעהויבען א געוואַלטיגען רעש, צוגעזאָגט די וועהלער דאָס טעלערל פונ׳ם הימעל, כאָטש זי האָט געוואוסט, אז זי וועט עס ניט קאָנען דערלאַנגען; געמאכט א פּראָפּאַגאַנדע ניט אַזוי פאַר געוויסע פּרינציפּען, ווי פאַר איינצעלנע באַקאַנטע פּערזאָנען; געזוכט פאַר איהרע קאַנדידאַטען רעקאָמענדאַציעס ניט אַזוי ביי די ארבייטער, נאָר ביי אַלערליי ראַדיקאַלע קאַפּיטאַליסטישע טוער — און אָנשטאָט אויפצוקלערען, נאָך מעהר פאַרטומעלט די ארבייטער׳ס מוחות. צווישען איינע וואַהלען און די צווייטע איז דער פּאַרטיי־אַפּאַראַט געווען אין הין־הער־פלעט און די ברענטשעס האָבען געמוזט אויסטראַכטען אַזוינע מינים טועכצען ווי אונטער־נעמונגען, פּיקניקס, קאָנצערטען אָנשטאָט פּראָלעטאַריש־פּאָליטי־שען קאַמף.

4. די וועהלער, וואָס האָבען געשטימט פאַר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען, זיינען ס׳רוב געווען דאָס, וואָס מען רופט „מיט־לויפער", סימפּאַטיזירער, ניט קיין ארבייטער און ניט קיין מיט־גלידער פון דער פּאַרטיי. סימפּאַטיזירער זיינען ניט קיין בייז, ווען די פּאַרטיי גופא איז שטאַרק און ווען איהרע וועהלער זיינען קודם כל איהרע אייגענע מענשען. דאָרט אָבער, וואו די גרויסע מערהייט באַשטעהט פון זייטיגע מענשען, איז די פּאַרטיי קיין פּאַרטיי ניט. דער פאַקט איז, אז ס׳רוב האָט מען געשטימט פאַר א סאָציאַליסטישען קאַנדידאַט ניט ווייל מ׳האָט אַנערקענט די סאָציאַליסטישע פּרינציפּען, נאָר ווייל מ׳האָט פיינט געהאַט סיי די רעפּובליקאַנער, סיי די דעמאָקראַטען. די פּאַרטיי האָט זיך באַ־ריהמט מיט די שטימען, ווען זי פלעגט זיי באַקומען. די פּאַרטיי האָט זיך געגרויסט: זעהט, מיר וואַקסען. אביסעלע קאַלטער חשבון וואָלט באַוויזען, אז ניין און נײַנציג פון הונדערט אַזוינע שטימען זיינען ניט ווערט אן אויסגעבלאָזענע איי, ווייל די וועה־לער זיינען ניט קיין סאָציאַליסטען און אפילו ניט קיין ארבייטער־פריינט. זיי שטימען פאַר דער פּאַרטיי צוליב איהר דעמאָקראַ־טישען רעפאָרם־פּראָגראַם, ניט צוליב איהר סאָציאַליזם. זאָל א וועה טאָן אן אנדער ווינטעל, און פון די ראַדיקאַלע וועהלער וועט קיין זכר ניט בלייבען. די פּאַרטיי האָט דאָס געדאַרפט וויסען, אָבער זי האָט פאַרמאַכט די אויגען און אַלץ גענוצט דאָס

אַלטע קלאַפּער־געצייג פון נאַרישע הבטחות, וואָס איבערצייגען ניט קיינעם.

5. אזוי ווי די פּאַרטיי האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף קליינבורזשואזע וועהלער, האָט זי זייער געמוזט ווייזען, אז זי איז ניט „געפעהרליך". אלעמאָל אין א קריטישען מאָמענט, ווען די קאַפּיטאַליסטישע וואָרט־פיהרער האָבען גענומען העצען געגען די סאָציאַליסטען, האָט די ס. פּ. אויסגענוצט די געלעגענהייט ניט כדי ארויסצוטרעטען אָפען און דערקלערען פאַר'ן גאַנצען לאַנד די אויפגאַבען און צילען פון פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף, נאָר כדי צו באַווייזען דער וועלט איהר „לאָיאַליטעט", איהר כשר'־קייט און פיינקייט. די ס. פּ. איז כסדר געשטאַנען מיט'ן פּנים ניט צום ארבייטער־קלאַס, נאָר צו דער קליין־בורזשואזיע. זי האָט ווענינער געטראַכט וועגען אויפמונטערען דעם ארבייטער דורך איהר פעסטקייט, ווי וועגען ניט־אָפּשרעקען דעם קליינבירגער דורך איהר „רויטקייט". דערפון האָט זיך גענומען ביי דער ס. פּ. א באַזונדערער מין טאָן פון „רעספּעקטאַבלע" בעלי־בתים, חשוב'ע ראַדיקאַלע בירגער, וואָס וועלען ניט אָנריהרען א פליג אויפ'ן וואַנט. אויף יעדען דריטען וואָרט האָט די ס. פּ. זיך ערקלערט אין ליבע צום קאַפּיטאַליסטישען געזעץ און קאַפּיטאַליסטישער ארדנונג.

6. די דאָזיגע בעל־הבית'ישע האַלטונג האָט אָנגענומען שוין גאָר א קאָמישען כאַראַקטער אין דעם פּראָצעס פון די סאָציאַליס־טען, וואָס מ'האָט זיי אויסגעשלאָסען פון דער לעדזשיסלייטשור אין אַלבאַני. די לאַגע איז דעמאָלט געווען א גינסטיגע פאַר א סאָציאַליסטישער אָפענער און ברייטער פּרינציפּען־ערקלעהרונג. דאָס לאַנד איז געווען אויפגערעגט. די ארבייטער האָבען געהאַל־טען אין איין סטרייקען. די לופט איז געווען אָנגעזאָפּט מיט אומרוה. דער פּראָצעס האָט ארויסגערופען אומגעהויערען אינטע־רעס. מ'האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. ס'האָט געדאַרפט פאַר־קומען א דועל צווישען דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור, וואָס האָט אָקאָרשט צעטראָטען מיט די פיס איהר אייגענעם געזעץ און איהר אייגענע דעמאָקראַטיע, אבי אָנזאָלצען דעם שונא, און צווי־שען דער פּאַרטיי פון סאָציאַליזם, וואָס וויל אָפּשאַפען די קאַפּי־

טאַליסטישע מלוכה אינ'ם נאָמען פון אמת'ע גלייכהייט. טאַקי ווייל מ'האָט זיך געריכט אויף אַן אמתער היסטאָרישער מלחמה, האָט מען זיך אַזוי אינטערעסירט מיט'ן פּראָצעס. פאַרגעקומען איז ניט קיין דועל, נאָר אַ מפּלה פון די סאָציאַליסטען. הילקוויט, דער וואָרט־פיהרער, האָט ארויסגענומען פון סאָציאַליזם זיין קראַפט און שטאָלץ און קאַמפּפס־מוט און איהם געמאַכט פאַר אַ בלאַסען שאָטען. הילקוויט האָט ניט באַשולדיגט די פרעכע שווינדלער. הילקוויט האָט זיך פאַרענטפערט. ער האָט געהאַלטען אין איין טענה'ן, אַז די פּאַרטיי איז ניט רעוואָלוציאָנער, אַז איהר איינציג מיטעל איז דאָס שטים־רעכט, אַז זי האָט רעספּעקט פאַר בורזשואַזער געזעצגעבונג, אַז איהר פּאַטריאָטיזם איז פון דער העכסטער פּראָבע. דער אָלבאַני־פּראָצעס איז נאָר איינער פון אַ סך פאַלען, אָבער ער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ס. פּ.

7. אַזוי ווי די פּאַרטיי האָט ניט געהאַט קיין ארהייטער־פונדאַמענט, האָט זי ניט געהאַט וועמען צו פיהרען, האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט קיין אויסגעהאַלטענע טאַקטיק. האָבען אַלע איהרע באַשלוסען געטראָגען אַ צופעליגען כאַראַקטער. היינט איז זי געגען קריג און נעהמט אָן אַ רעזאָלוציע, וואָס איז פול מיט גוזמאות און מורא'דיגע, הגם באַדייטונגסלאָזע פראַזען, מאָרגען טוט זי אַ קירעווע אָן אַ זייט און ווערט זיס־פּאַטריאָטיש, הונדערט־פּראָצענטיג אַמעריקאַניש. היינט נעהמט זי אָן אַ רעזאָלוציע, וואָס כטראַשעט ניט אַנדערש ווי מיט אַן אַלוועלטליכע רעוואָלוציע, מאָרגען ווייסט זי אַליין ניט, צו זי זאָל אַנערקענען, צו זי זאָל פאַראורטיילען די רעוואָלוציע פון די סאָוויעטען. היינט איז זי פאַר אַ פאַראייניגונג מיט'ן דריטען אינטערנאַציאָנאַל, מאָרגען שיטען איהרע פאַראַנטוואָרטליכע באַאַמטע פעך און שוועבעל אויף דעם „מאָסקווער" אינטערנאַציאָנאַל. עס איז ניט קיין פראַגע, צי די פּאַרטיי איז געווען גענוג ראַדיקאַל. עס וואָלט גרינגער געווען צו האַנדלען מיט אַ פּאַרטיי, וואָס איז ניט אַזוי ראַדיקאַל, נאָר וואָס האָט אַ שטאַנדפּונקט, אַ האַלטונג. דער אומגליק מיט דער ס. פּ. איז דאָס, וואָס זי איז געווען אַלע זאַכען צוזאַמען, און דאָס הייסט, אַז זי האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, וואו זי האַלט און וואָס מיט איהר טוט זיך. די פּאַרטיי האָט זיך געטראָגען ווי אַ פעדער אין

דער לופטען. קיינמאָל האָט מען ניט געקאָנט וויסען, וואו זי וועט זיך אָפּשטעלען דעם נעקסטען מאָמענט. פאַרשטעהט זיך, אַז ווענען פ י ה ר ע ן, לערנען, געבען אַ ריכטונג האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד.

8. אויב די פּאַרטיי האָט בכלל ניט געוואוסט, וואָס מיט איהר טוט זיך, האָט זי אָבער אין איין פּרט זיך געהאַלטען שטאָל און אייזען: זי האָט ניט געוואָלט אַנערקענען די לעהרען פון דעם וועלט־קריג און פון די לעצטע רעוואָלוציעס. דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט איז ביי איהר נאָך אַלץ טריפה, ניט ערגער ווי ביי אַ סך בורזשואַזע ליבעראַלען. די נויטווענדיגקייט און מעגליכקייט פאַר אַן אַרבייטער־פּאַרטיי צו פאַרכאַפּען די מאַכט אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע און אַזוי אַרום איינפיהרען סאָציאַליזם — איז פאַר דער ס. פּ. נאָך אַלץ ניט קלאָהר. אַ סך פון איהרע פיהרער האַלטען דאָס פאַר אַ געפעהרליכע אפיקורסות. אַ סך האָבען זעהר שאַרף פאַרדאַמט די רוסישע רעוואָלוציאָנערען פאַר איינפיהרען די הערשאַפט פון סאָוויעטען. די ס. פּ., ווי מיר זעהען, לעבט נאָך אַלץ אין דעם אַלטען געדאַנקען־קרייז פון פאַר דער מלחמה. דאָס הייסט אָבער, אַז זי לעבט ניט. וואַרום אַ ל ע ב ע ד י ג ע אָרגאַני־זאַציע וואָלט שוין לאַנג איבערגעקוקט איהר פּראָגראַם און איהר טאַקטיק אין הסכם מיט די לעצטע קאַפּיטאַלען אין דער געשיכטע פונ'ם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. די ס. פּ. פון אַמעריקא קאָן זיך באַ־געהן אָהן אַזאַ רעוויזיע, ווייל זי האָט ניט קיין שייכות צום ווירק־ליכען פּאָליטישען לעבען.

9. דער צוזאַמענברוך פון דער פּאַרטיי איז געווען אונפאַר־מיידליך. דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער גאַנצער היסטאָרי־שער לאַגע אין אַמעריקא נאָכ'ן וועלט־קריג. די „מיטלויפער" זיינען זיך צולאָפען, ווייל זיי האָבען זיך דערשראָקען פאַר די אַר־בייטער־רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, אונגאַרן און דייטשלאַנד און ס'איז זיי געוואָרען צו „רויט" אין די אויגען. די קליינבירגערליכע מיטגלידער האָבען אָנגעוואוירען דעם אַפּעטיט צו פּאָליטיק, ווייל די צייט איז אַ רעאַקציאָנערע און „ראַדיקאַליזם" איז אויס מאָדע. די ווענינע אַרבייטער און איבערגעגעבענע סאָציאַליסטישע אינ־טעליגענטען זיינען אַרויסגעפאַלען פון דער ס. פּ., ווייל זיי פאַרשטע־

העז בעסער די איצטיגע צייט און ווייל די נעבאכדיגע פיהראבץ פון דער פארטיי האט זיי גענומען שלאגען צום הארצען. איז געבליבען — גארניט. די פארטיי איז א לעדיגער פלאץ, א ווארט אהן אן אינהאלט, א שילד אהן מיטגלידער, אהן פיהרער, אהן א פאהן, אהן א פונק פון לעבען.

קיין וואונדער ניט, וואס די געזונטסטע עלעמענטען טרייסלען זיך אפ פון דער פארטיי און זוכען עפעס נייעס.

בלייבט אויפ'ן פעלד די קאמוניסטישע פארטיי. וועגען איהר איז דא ווייניג וואס צו זאגען. זי האט ווייניג געלעבט, אבער איהר לעבען איז געוועזען איין קייט פון אומריכטיגע אויפפאסונגען און אומגעלומפערטע מעשים. גענוג צו דערמאהנען די צוויי פונקטען, וואס מיר האבען אנגעוויזען אויבען: 1) די קאמוניסטען האבען געלעבט מיט'ן געדאנק ניט אין אמעריקא, נאר אין רוסלאנד, און האבען דעריבער גערופען צו א באוואפענטען אויפשטאנד דעמאלט ווען ס'האט אין אמעריקא אפילו מיט קיין רעוואלוציע ניט געשמעקט. 2) די קאמוניסטען האבען באשאפען א אונטערערדישע, אומלעגאלע ארגאניזאציע, ווייל אנדערש האבען זיי ניט געקאנט רופען צו אן אויפשטאנד, און אפילו איצט, ווען פאר זיי אליין ווערט שוין קלאהר, אז די אויפשטאנד־רעדעריי איז אנ'אונזין, וואס קאן נאר מאכען א ארגאניזאציע צו חוזק, האלטען זיי זיך נאך אלץ אן דער אומלעגאליטעט אלס פרינציפ, ווייל דאס אות פון א פראגראם־פונקט איז ביי זיי אלץ נאך וויכטיגער ווי פראקטישע געזעלשאפטליכע ארבייט. עס איז קלאהר, אז די ק. פ. קאן ניט זיין די מאסען־פארטיי פון דער צוקונפט.

אמעריקא פארמאגט נאך ניט אזא ארבייטער־פארטיי, וואס זאל אנטשפרעכען דער וויכטיגקייט פון דעם ארבייטער־קלאס אין דעם לאנד און דער וויכטיגקייט פון דעם איצטיגען היסטארישען מאמענט. אבער דער מאטעריאל פאר אזא פארטיי איז שוין דא, און דער פארלאנג צו בויען זי — אויך. ווען אט די פארטיי וועט אויפגעבויט ווערען, וועט זי פארשלינגען סיי די לעבעדיגסטע עלעמענטען פון דער קאמוניסטישער פארטיי, סיי די געזונטערע עלעמענטען פון דער סאציאליסטישער פארטיי, אבער דער עיקר וועט

זי דאַרפֿען שאַפֿען איהר אייגענעם פונדאַמענט צווישען די אַמעריקאַנישע אַרבייטער־מאַסען.

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל.

די קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור איז אַ אינטערנאַציאָנאַלע. די קאַפּיטאַליסטען פון פאַרשידענע לענדער שטרייטען צווישען זיך, אָבער ווען עס קומט צו פאַרטיידיגען זייער אָרדנונג געגען אַרבייטער־קלאַס, איז מען אייניג. אַמעריקא איז ניט קיין גרויסער פריינד פון יאַפּאַן, אָבער ווען מ'האָט געדאַרפט שיקען אַן אַרמיי געגען רוסלאַנד, האָבען יאַפּאַנישע און אַמעריקאַנישע מיליטערישע פיהרער געאַרבייט האַנט אין האַנט. די דייטשע קאַפּיטאַליסטען זענען די גרעסטע שונאים פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, אָבער ווען ס'האָט געהאַלטען ביי אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, זענען זיי גרייט געווען רופען צו הילף די ענגלענדער און די פראַנצויזען. הערבערט הואווער, אַ שפּייז־אַגענט פון אַמעריקא אין אייראָפּאַ, העלפט דערשטיקען די רעוואָלוציע אין אונגאַרן, און פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטען העלפען וראַנגעל'ן געגען דער רעגירונג פון די סאָוויעטען. דאָס איז נאַטירליך. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז אַ וועלט־אָרדנונג. אויב זי ווערט אונטערגעגראָבען אין איין אָרט, שאַדט עס דער גאַנצער סיסטעם. אויב זי ווערט פאַרניכטעט אין עטליכע לענדער, וועט זי אין די איבעריגע אויך ניט קאָנען בלייבען. דעריבער זיינען די קאַפּיטאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט אייניג אין זייער קאַמף געגען דער אַרבייטער־באַוועגונג. אָבער דעריבער מוז די אַרבייטער־באַוועגונג אויך זיין אינטערנאַציאָנאַל אָרגאַניזירט.

געוועזן דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל — אַ לויזע פאַרבינדונג פון סאָציאַליסטישע לאַנדעס־פּאַרטייען. געקומען דער וועלט־קריג און יענער אינטערנאַציאָנאַל האָט באַנקראָטירט. ער האָט ניט געקאָנט באַאיינפלוסען די פאַרשיידענע פּאַרטייען אין די קריג־פיהרענדע לענדער. ער האָט זיי ניט אָפּגעהאַלטען פון בלוט־פּאַטריאָטישע מעשים. ער האָט זיי ניט פאַראייניגט אין אַ קאַמף געגען קריג. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז געשטאָרבען

אויף די שלאכט־פעלדער פון אייראָפּע און וועט שוין מעהר קיין תחית המתים ניט אויפשטעהן, ווי מען זאָל איהם ניט פּרופען היילען. די פּארטייען, וואָס וואָלטען איהם נאָך וועלען דערהאַל־טען ביים לעבען, זיינען סאָציאַל־פּאַטריאָטישע, אָפּגעשטאַנענע, מעהר ליבעראַל, ווי סאָציאַליסטיש. זייער ארבייט איז איצט — ניט קעמפען געגען קאַפּיטאַליזם, נאָר איהם פארטיידיגען געגען דעם רעוואָלוציאָנערען טייל פונ׳ם ארבייטער־קלאַס.

דער ארבייטער־קלאַס דאַרף אָבער האָבען אַ אינטערנאציאָ־נאַלע פארבינדונג. צוריק מיט אַ פּאָר יאָהר האָט זיך געגרינדעט אין מאָסקווע דער דריטער אינטערנאציאָנאַל. פון אָנהויב אַ שוואַ־כע פאראייניגונג מיט נאָר איין גרויסע פּארטיי — די רוסישע קאָ־מוניסטען, איז די אָרגאַניזאַציע ביסלעכווייז געוואָרען שטארקער. פון אָנהויב אַליין ניט זיכער אין איהר ערפאָלג, איז זי אין צוויי יאָהר געוואָרען אַ וויכטיגע ערשיינונג אין דעם פּאָליטישען לעבען פון אייראָפּע. איצט איז דאָס די איינציגע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַ באָדען אונטער די פיס און אַן אויסזיכט אויף ענטוויקלונג.

די געשיכטע פון אָט דער אָרגאַניזאַציע שפּיגעלט אָפּ די געשיכטע פון דער וועלט־פּאָליטיק אין די לעצטע צוויי־דריי יאָהר. געגרינדעט האָט זי זיך אין אַ צייט, ווען ס׳האָט אויסגעזעהן אַז אייראָפּע איז פארכאַפּט פון אַ רעוואָלוציאָנערען שטורעם. ס׳האָט זיך געקענט אויסדאַכטען, אַז אָט טראָגט דער פלאַם זיך אריבער פון דייטשלאַנד קיין פראַנקרייך און ענגלאַנד, פון אונגארן קיין איטאַליען. דער דריטער אינטערנאציאָנאַל האָט געקוקט אויף זיך ניט נאָר ווי אויף אַ פאראייניגונג פון אָרטיגע פּארטייען, נאָר ווי אויף דעם הויפּט־שטאַב פון דער וועלט־רעוואָלוציע. די אָרגאַניזאַציאָנס־מעטאָדען, וואָס ער האָט דיקטירט די אָרטיגע פּארטייען, זיינען געווען צוגעפּאַסט צו די נויטען פון באַלדיגע רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען, אויב ניט באַלדיגען אויפ־שטאַנד. די טאַקטיק איז געווען אַ טאַקטיק פון אונמיטעלבאַרען רעוואָלוציאָנערען אָנפאַל, — דיקטירט פון איין צענטר און דורכ־געפיהרט אויף איין שטייגער.

ביסלעכווייז האָט זיך די לאַגע געביטען. די גרויסע האָפ־נונגען זיינען ניט געוואָרען ערפילט. די אויסזיכטען אויף אַ באַל־

דיגער רעוואָלוציע האָבען זיך פארקלענערט. דער דריטער אינ־טערנאַציאָנאַל פארוואנדעלט זיך אין א פאראייניגונג פון פאר־טייען, וואס פיהרען א לאנגדויערדיגען, אויסגעהאלטענעם, פראָ־לעטאריש־רעוואָלוציאָנערען קאמף אין די פארשיידענע לענדער. אין הסכם דערמיט בייט זיך אויך די טאקטיק, וואָס ער רעקאָ־מענדירט, אין הסכם דערמיט בייטען זיך די אָרגאניזאציאָנס־פאָדערונגען, וואס ער שטעלט די ארטיגע פארטייען.

עס איז ניט דאָ דער פּלאץ ארייננצוגעהן אין אן אנאַליז פון אָט די פאָדערונגען, ווייל מאָרגען אָדער איבערמאָרגען וועלען זיי געוויס אויסזעהן אנדערש. די באריהמטע איין און צוואנציג פּונקטען, אויב מען זאָל זיי נעמען ווארט אין וואָרט, קענען ניט אלע צופרידענשטעלען א פראָלעטארישע ארבייטער־פארטיי אין אמעריקע. דער פאקט איז אָבער, אז ניט אומעטום ווערען זיי ערפילט און אז ניט אומעטום באשטעהט דער אינטערנאַציאָנאַל אויף זייער ערפילונג. וואָס ס'איז וויכטיג צו געדענקען, איז ניט די איין און צוואנציג פּונקטען מיט אלע פּירושים, וואָס עמיצען וועט איינפאלען אויף זיי צו מאכען, נאָר דער פאקט, אז ס'איז דאָ אן אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער־פאראייניגונג, וואָס האָט א ריזיגען איינפלוס אויף די מוחות פון די ארבייטער איבער דער גאנצער וועלט און וואָס האלט אין איין וואקסען. וואָס ס'איז נאָך וויכטיגער צו געדענקען איז דער פאקט, אז קיין פּראָלעטאריש־פּאָליטישע פּארטיי קאָן איצט ניט שטעהן אליין, ווייל די צייט איז אומרוהיג, יעדער טאָג קען ברענגען נייע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנ־פליקטען, ווען אן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטארישע אקציאָן וועט זיין אומפארמיידליך.

אָבער פריהער פאר אלץ און מעהר פאר אלץ דארף מען גע־דענקען, אז איידער מען טראכט וועגען אָנשליסען זיך אין א אינ־טערנאַציאָנאַלע פאראייניגונג, דארף מען אליין זיין א קראפט. איידער א פּארטיי דיסקוטירט די פּונקטען, ווי אזוי און אויף וועל־כע באדינגונגען זי איז גרייט זיך צו פאראייניגען מיט'ן דריטען אינטערנאַציאָנאַל, דארף זי זיין א וויכטיגער פאקטאָר אין לעבען פון איהר אייגען לאנד. דעמאָלט וועט זי ניט מורא האָבען פאר דעם אָדער יענעם אות פון דעם אָדער יענעם פּונקט אין אן אָפּמאַך.

דעמאלט וועט זי אפשר קענען באאיינפלוסען דעם אינטערנאציאָ־נאַל, ער זאָל ענדערען זיינע פאָדערונגען אין הסכם מיט די באַ־דינגונגען פון איהר לאנד. דער דריטער אינטערנאציאָנאל בלייבט פאר יעדער פראָלעטארישער ארבייטער־פארטיי די איינציגע אל־וועלטליכע פאראייניגונג פונ'ם רעוואָלוציאָנערען ארבייטער־קלאס. דאָס איז דער גרונד־פרינציפּ. דאָס אליין דיקטירט שוין אַ געוויסען טעאָרעטישען און פראקטישען אנהאלט. וואָס איז שייך די קאָנ־קרעטע איינצעלנע פרטים, ווי אזוי א פארטיי קען אריינטרעטען אין דריטען אינטערנאציאָנאל, ווענדט דאָס זיך, ערשטענס, אן דער קראַפט פון דער פארטיי און, צווייטענס, אָן א סומע פון אומ־שטענדען, וואָס ס'איז ניט דאָ דער פּלאץ צו דיסקוטירען.

די אידישע סאָציאליסטישע פעדעראציע און די ס. פּ.

צוליב די אַלע אויבענדערמאָנטע סבות האָט די אידישע סאָציאליסטישע פעדעראציע אויף איהר קאָנווענשאָן, דעם 3—5 סעפּטעמבער, 1921, באשלאָסען ארויסצוגעהן פון דער ס. פּ. זי האָט אויך באשלאָסען צו פאראייניגען זיך מיט א נייער פראלע־טארישער ארבייטער־פארטיי, וועט וועט שטעהן אויפ'ן שטאנד־פונקט פון מאָדערנעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאליזם. אזא פארטיי איז נאָך ניטאָ, אָבער זי קען זיך גרינדען יעדען מאָמענט. אין אזא פארטיי וויל די פעדעראציע פארנעמען א בכבוד'יגען פּלאץ.

די אויספיהרונגען פון די פריהערדיגע קאפיטלען גיבען אן אלגעמיינעם ענטפער: פארוואָס האָט די פעדעראציע ניט געקענט פארבלייבען אין דער פארטיי. אָבער אזוי ווי די אידיש־אמעריי־קאנישע וועלט איז אין פיל פרטים אַנדערש, איידער אמעריקע אין אלגעמיין, דעריבער איז אפשר כדאי צו באטאָנען נאָך א פאר ספּעציעל־אידישע פונקטען.

מיר האָבען א גרויסע ארבייטער־באוועגונג: יוניאָנס און אַן ארבייטער־רינג, אָבער מיר האָבען ניט קיין פּאָליטישע באווע־גונג. די „ענגליש־שפּרעכענדע” ברענטשעס פון די אידישע דיסטריקטען האָבען געפיהרט א לעבען, וואס האָט ניט אָנגערירט

די אידישע ארבייטער־מאסען. די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, געבונדען דורך איהר צוגעהעריגקייט צו דער ס. פּ., האָט ניט געקענט ענטוויקלען צווישען די מאסען אזא ארבייט, ווי דאָס וואָלט געווען נויטיג. און דאָך איז די אידישע סאציאַליסטישע פעדעראציע געווען די איינציגע אָרגאַניזאַציע, וואס האָט געוועקט אין דער אידישער וועלט דעם פּאָליטישען געדאַנק, גע־פּרובט צופּאַסען איהר טאַקטיק צו דער נייער צייט, געפּרובט אָנ־מערקען א ל י נ י ע פאר דער באוועגונג פונ'ם ארבייטער־קלאַס פון אַמעריקע בכלל, פון די אידישע אַרבייטער בפרט. אין דער זעלביגער צייט האָט די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראציע אנערקענט די וויכטיגקייט פון דער א י ד י ש ע ר פראגע אין אַמעריקע און האָט אַלע מאָל געזוכט צו פאָרמולירען דאָס פּראָגראַם פון די אידישע ארבייטער אין אלע וויכטיגע אידישע ענינים.

פארוואָס האָט די פעדעראציע דאָך ניט באַוויזען ארומצו־נעהמען גרויסע אידישע מאַסען? פארוואָס האָט זי ניט באַ־שאַפען אויף דער אידישער גאַס קיין אידישע פּראָלעטאַרישע מאַסען־פּאַרטיי, וואָס זאָל זיין אַ טייל פון דער קומענדיגער אַמע־ריקאַנער אַרבייטער־פּאַרטיי? יעדער אידישער ארבייטער דאַרף זיך שטעלען אָט די פראגע, כדי ס'זאָלען איהם קלאָר ווערען די שטרויכלונגען, וואָס שטעהען אויפ'ן וועג פון אַן אַרבייטער־פּאַרטיי אויף דער אידישער גאַס, און כדי ער זאָל די שטרויכלונגען באַ־קעמפּען.

1. דער אָפיציעלער סאָציאַליזם אויף דער אידישער גאַס האָט נאָכאַנאַנד מלחמה געהאַלטען געגען דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. דער אָפּיציעלער סאָציאַליזם — דאָס איז דער „פאָר־ווערטס", אַ טייל יוניאָן־פיהרער און אַ טייל פון די „ענגליש־שפּרעכענדע" סאָציאַליסטען, וואָס רייבען זיך ארום „פאָרווערטס". די דאָזיגע וואָרט־פיהרער האָבען געהאַלטען פון אָנהויב אָן, אַז אַ אידישע פעדעראַציע איז ניט נויטיג, און כאָטש זי איז געווען אַ געזעצליכער טייל פון דער סאָציאַליסטשער פאַרטיי, האָבען זיי זי ענטוועדער באַקעמפּט, אָדער פאַרשוויגען. קאַמף איז ניט אזא זאך, וואָס אַ פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע זאָל זיך דערפאַר שרעקען. אָבער קאַמף איז גוט, ווען ער פיהרט זיך אָפען. דאַן קלערט ער

אויף די מוחות און פיהרט צו מעהר פעסטקייט. אבער דער קאמף נעגען דער אידישער פעדעראציע האט זיך געפיהרט דורך אינט־ריגעס, דורך הינטערפיסלאך, דורך אזוינע ערקלערונגען, אשטייגער, ווי „די פעדעראציע איז גוט, נאר איהרע פיהרער פארשטעהען גאר ניט”. דער אפיציעלער סאציאליזם האט ניט געזאגט: „אי־דישע ארבייטער, געהט ניט אין דער פעדעראציע”. דער אפיצי־עלער סאציאליזם האט אמאל, פאר יוצא ווערען, אפילו געשטיצט די פעדעראציע מיט עטליכע דאלארס. אבער זיין גאנצע האל־טונג איז געוועזן פול מיט ביטערקייט, פאראכטונג און האס צו דער ארגאניזאציע פון די אידישע ארבייטער.

וואלט די פעדעראציע ניט געוועזן א טייל פון דער פארטיי, וואלט זי אויף קאמף געקענט ענטפערען מיט קאמף. זי איז אבער געוועזן געבונדען דורך פארטיי־דיסציפלין. זי האט קיינמאל ניט געקענט דערזאגען אלצדינג, וואס זי דענקט וועגען אפיציעלען סאציאליזם, ווייל זי האט ניט געוואלט שאדען דער פארטיי. זי האט קיינמאל ניט אויפגעדעקט ביז'ן סוף אלע מאכינאציעס פון די געגנער, ווייל זי האט געפיהלט איהר אחריות אלס א טייל פון דער פארטיי. זי האט געקריטיקירט, געוויס. אבער בשעת זי האט אויף א ברידערליכען אופן געקריטיקירט מיט דער הילף פון אידעען, האט מען זי אויף א ברידערליכען אופן גע'מסר'ט און באשמוצט און דערנידעריגט ווי ס'קענען נאר אומפאראנטווארט־ליכע מענשען, וואס האבען מורא פאר א קלארען פרינציפ און פאר א ווארט פון ריינעם אמת. באהאנדעלט האט מען די אי־דישע סאציאליסטישע פעדעראציע ווי א שטיף־קינד, וואס דאס הייסט ערגער ווי א פרעמדען, אבער אין דערזעלביגער צייט האט זי ניט געקענט ארויסטרעטען ווי א פרעמדער און זאגען אלצדינג שארף און אהן שום באפוצונג. אין אן ארבייטער־באוועגונג איז אבער שארפקייט און דייטליכקייט דאס נויטווענדיגסטע מיטעל פון קאמף.

איצט, ווען די פעדעראציע איז ארויס פון דער פארטיי, ווען זי רעכענט, אז וואס גיכער די פארטיי וועט אויפהערען טשאדען אויף דער וועלט, אלץ ריינער וועט ווערען די לופט פאר אן אמת'ער פראלעטארישער פארטיי, איצט, ווען זי קען אויפדעקען אלע געגנ

און תנועות פון דעם אָפּיציעלען אידישען סאָציאַליזם, ניט מורא האָ־בענדיג צו שאַדען דער פּאַרטיי, — איצט האָט זי פּאַנאַנדערגע־בונדענע הענד און קען אָנפיהרען אַ ברייטען פרייען קאַמף פאַר די מוחות און די הערצער פון די אידישע אַרבייטער־מאַסען.

2. די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט זיך געפונען געבונדען ניט נאָר אין דעם איינעם פּרט. ס'איז איהר אָפט אויס־געקומען ריידען געגען איהרע אייגענע געפיהלען, ווייל אַזוי האָ־בען פאַרלאַנגט די אינטערעסען פון דער פּאַרטיי. דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע האָט געעקעלט פון דעם וואַהל־קאַמף אויף דער אידישער גאַס. זי האָט געזעהן, אַז מען שטעלט אַרויס פאַר קאַנדידאַטען אַזוינע מענשען, וואָס זיינען אַ חרפּה פאַר'ן סאָציאַליזם. זי האָט געזעהן, אַז אָט די מענשען פאַרטיידיגען זייערע קאַנדידאַטורען אויף אַן עם־הארצ'ישען שטייגער, וואָס קאָן נאָר דערנידריגען די פּאַרטיי. זי האָט געזעהן, אַז אָנשטאָט אויפ־צוקלערען, פאַרדרעהט מען, פאַרטומעלט מען, פאַרטויבט מען די מוחות פון די צוהערער מיט אַלערליי נאַרישע מאַרק־שרייעריי. זי האָט געזעהן, אַז ס'איז אפילו ניט קיין סאָציאַליסטישע אַגי-טאַציע אינ'ם ביליגען זין פון וואָרט, ס'איז גאָר אַ יאַגעניש נאָך בעל־הבת'ישע שטימען, אַ שטרעבונג זיך אויסצופּיינען פאַר די ניט־סאָציאַליסטישע קלייינבירגער, אַ שפּיל אין קליינליכע פּאָליטיק לטובת דעם אָדער יענעם יחיד. די אידישע סאָציאַליסטישע פע־דעראַציע האָט אָבער אין דער צייט פונ'ם וואַהל־קאַמף גופא ניט געקענט אַרויסטרעטען און אָנווייזען אויף די אַלע מיאוס'ע גע־שעפטען, ווייל זי האָט ניט געקענט אויף אַזאַ אופן ברעכען די פּאַרטיי־דיסציפּלין, און נאָכדעם, ווען דער וואַהל־קאַמף איז אַרי־בער, איז דער ענין שוין געווען אַ פאַרעלטערטער און ס'איז געווען צו־שפּעט. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט די אידישע סאָציאַליס־טישע פעדעראַציע אפילו געשריבען און גערופען: „שטימט פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען", כאָטש אָפט האָט זי ניט גע־האַט פאַר זיי קיין פּיצעל דרך־ארץ.

3. די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז פאַר־וויגט אין אַ ראַדיקאַל וויגעלע. מ'האָט איהר אָנגעזונגען אַזוי פיל לויב־געזאַנגען אין דער אָפּיציעלער סאָציאַליסטישער פרעסע, אַז

זי מיינט טאקי — מען קען שוין ניט זיין בעסער. דאס איז איי־
נער פון די הויפט־חסרונות פון דעם היגען אידישען סאציאליזם.
אנשטאט צו האבען פאר די אויגען דעם אידעאל פון אן אמת'ער
אויסגעהאלטענער פראלעטארישער ארבייטער־באוועגונג, האט מען
פאר די אויגען די נאך מעהר אפגעשטאנענע אמעריקאנער באווע־
גונג. האט זיך באקומען אן איבערטרייבונג פון אידישע פארדינ־
סטען. דער אמת איז, אז כאטש די אידישע ארבייטער האבען
אויפגעבויט גרויסע ארגאניזאציאנס־בנינים, כאטש זיי מעגען זיך
באריהמען מיט זייער בויאונגס־ארבייט, איז אבער אינוועניג נאך
גענוג ארים. פאראן א סך יוניאן־ארגאניזאטארס, וואס הויבען
ניט אן צו פארשטעהן די פרינציפען פון סאציאליזם. פאראן אזוי
גערופענע סאציאליסטען, וואס האבען קיין באגריף ניט פון קלאַ־
סען־קאמף. פאראן נעבאכדיגע עם־הארצים, וואס שפילען די
ראלע פון גרויסע פיהרער. דער עיקר: די מאסע הויבט ניט
אן צו פארשטעהן דעם ווערט, די ראלע און די נויטווענדיגקייט
פון פראלעטארישער פארטיי־פאליטיק. דער מאסע איז פרעמד
דער באגריף פון א פארטיי — ניט דערפאר, ווייל עס פעהלט
איהר דער קלאסען־אינסטינקט, נאר דערפאר וואס פינף און צוואנ־
ציג יאהר נאכאנאנד האט מען זי געשפייזט מיט געלען, וואסערדי־
גען, פארמלאזען הורא־סאציאליזם איבערגעמישט מיט א מאסע
לעבערליכען סענסאציאנאליזם. דער אידישער פעדעראציע קומט
אויס ארבייטען ניט אויף א פרישען באדען, נאר אויף א באדען,
וואס דער אידישער אפיציעלער סאציאליזם האט איהם פארווארפען
מיט זאמד, שטויב, שמוץ און שטיינער. אפראמען אט דאס אלץ
אזוי, אז ס'זאל קאנען וואקסען דאס פרישע און יונגע, וועט דויערען
יאהרען.

אבער אפראמען מוז מען. טראכט זיך נאר איין אין דעם ווארט
„באוועגאכץ", וואס איז אזוי גוט באקאנט אין דער אידישער גאס.
באטראכט דעם שמייכעל, מיט וועלכען מען רעדט ביי אונז אויס
דאס ווארט „גענאסע". באוועגאכץ הייסט אזא באוועגונג, וואס
איז ניט ערנסט, וואס נוצט ביליגע מיטלען, וואס מאכט א טומעל
צוליב גארניט. וואס שטאלצירט מיט קליינינגקייטען און וואס מאכט
א ווענען, אז זי איז אלעס. גענאסע באדייט אויף דער אידישער

גאַס אַן אומוויסענדער מענש, וואָס ווייסט אפילו ניט אַז ער איז אומוויסענד. אַ גרויסער טייל פון דער אידישער ארבייטער־באַוועגונג איז אַרומגעוויקעלט מיט אַ נעבעל פון ביליגקייט, סענסאַציע און גייסטיגען דלות, וואָס שטאָלצירט מיט זיין אייגענער נאַקעטקייט. דער עיקר: די פיל־הונדערט־טויזענט־קעפּיגע אידישע אַרבייטער־מאַסע איז ניט אָרגאַניזירט אַלס פּאָליטישע קראַפט. איהר ענערגיע געהט לאַבוד. איהר פאַרשטאַנד און געפיהל דינען ניט צו מאַכען זי פאַר אַ פאַקטאָר אינ׳ם אַלגעמיינעם לעבען פונ׳ם לאַנד. אינ׳ם אידישען לעבען האָבען איהרע פיהרער כסדר פאַרקויפט איהר בכורה — אָט די „יאַהודים”, אָט די ציוניסטען, אָט די סתם־נאַציאָנאַליסטען, און זעלטען ווען די אידישע ארבייטער האָבען געזאָגט דאָס וואָרט אָדער געשפּילט די ראָלע, וואָס ס׳קומט זיי לויט זייער צאָהל, זייער אייניגקייט און זייער קראַפט.

די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע וויל אַריינטראָגען אַ ריינעם, אויסגעהאַלטענעם, ערנסטען גייסט אין דער אידישער ארבייטער־באַוועגונג, קלאָרער מאַכען די קלאַסען־ליניען פון דער באַוועגונג, העלפען אַוועקשטעלען זי אויף אַ ריכטיגען טעאָרעטישען פונדאַמענט, העלפען אויפדעקען דעם וועג, אויף וועלכען זי קאָן אַם בעסטען אַי פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון דעם אַרבייטער־קלאַס אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַי באַקעמפען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, אַי זיך גרייטען צו בויען אַ נייע אָרדנונג אויף די חורבות פונ׳ם קאַפּיטאַליזם. די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע געדענקט, אַז אַ חוץ די אַלגעמיינע לאַנדעספראַגען זיינען פאַראַן אַ סך ספּעציעל־אידישע פראַגע סיי דאָ, אין אַמעריקע, סיי אין די איבעריגע לענדער, און אַז די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג דאַרף צו זיי אַלע האָבען אַ קלאָרע, פּרינציפּען־געטרייע שטעלונג. די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע ווייסט זעהר גוט, אַז אַליין אין פעלד קאָן זי ניט שטעהן, אַז זי מוז זיין אַ טייל פון אַן אַלגעמיינער לאַנד־פּאַרטיי, און זי טוט וואָס זי קאָן נאָר, כדי צו פאַרשנעלערען די בילדונג פון אַזאַ פּאַרטיי. די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע וויל אויפהויבען די ווערדע און די באַדייטונג פון סאָציאַליזם צווישען די אידישע ארבייטער און דורך זיי אין אַמעריקע בכלל.

די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע קומט ניט פון דרויסען, נאָר פון אינוועניג. איהרע מיטגלידער זיינען אויך מיטגלידער פון די יוניאָנס, פון ארבייטער־רינג ברענטשעס, פון אַלערליי פּראָלעטאַרישע קולטור־אַנשטאַלטען. איהרע טוער זיינען יאָהרען־לאַנג געשטאַנען אין די רייהען פון׳ם קעמפענדען ארבייטער־קלאַס אין אַלע זיינע שווערע און ליכטיגע מאָמענטען. ניטאָ קיין איין ווינקעל פון ארבייטער־לעבען, וואו די מיטגלידער פון דער פעדעראַציע האָבען זיך ניט אויסגעצייכענט מיט נויטיגער און ערנסטער ארבייט. די דאָזיגע ארבייט וועלען זיי פאָרטזעצען ווייטער. זיי קומען ווי אַלטע פריינט, ניט ווי אומפאַראַנטוואָרטליכע אומבאַקאַנטע. זיי וועלען נאָר קאָנען פרייער ריידען, פרייער האַנדלען, דרייסטער אָנמערקען די ליניען פון קאַמף, ענגער צוזאַמענשליסען די פאַרשיידענע טיילען פון דער ארבייטער־באַוועגונג, מוטיגער שטרייטען נעגען אָפּגעשטאַנענעם און פוילען, זיכערער העלפען דעם געזונטען און לעבעדיגען און שאַפונגס־פרעהליכען צווישען די אידישע מאַסען. ניט ברעכען קומט זי, נאָר בויען דאָס גרויסע און קרעפטיגע און שעהנע.

קאַרל מאַרקס׳ שריפטען

יעדער באַוואוסטזיניגער ארבייטער דארף זיך איינשאַפען
די שריפטען פון דעם פאָטער פון
וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם.

ערשטער באַנד:

עקאָנאָמישע שריפטען

דער פראָדוקציאָנס־פראָצעס פון „קאַפּיטאַל״.

צווייטער באַנד:

עקאָנאָמישע שריפטען

דער פראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.

דריטער באַנד:

היסטאָרישע שריפטען

די רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד;
דער אַכצעגנטער ברומער פון נאַפּאָלעאָן דעם
דריטען; די פּאַריזער קאָמונע.

פּרייז פון אַ באַנד — צוויי דאָלער.

אדרעסירט:

KARL MARX PUBLICATION SOCIETY

175 East Broadway, New York, N. Y.

שאַפט זיך אײַן די ביבליאָטעק פון רעוואָלוציאָנערע גערדאַנק!

1. די טעאָריע און פּראַקטיק פון סאָציאַלע רעוואָלוציע.

פון ניקאָלאַי לענין

336 זייטען. ענטהאַלט דאָס וויכטיגסטע און נייעסטע וואָס נ. לענין האָט געשריבען וועגען דער פראַגע, וואָס איז באַצייכענט אין נאָמען פון בוך.

פרייז פון בוך $2.50

2. ניקאָלאַי לענין

אַן אויספיהרליכע ביאָגראַפיע פארפאַסט פון משה כץ.

דאָס איינציגע בוך פון דעם מין אין דער אידישער שפּראַך. די איינציגע אויספיהרליכע ביאָגראַפיע פון דעם פּראָלעטאַרישען פיהרער אין וועלכער עס איז שפּראַך.

פרייז פון בוך $1.60.

3. אויפ'ן שלאַכטפעלד

(ערינערונגען פון א סאָלדאַט)

די נשמה פון מענשען רעדט פון די בלעטער, רעדט אין דער שפּראַך פון ליידענשאַפט און פייער. 192 זייטען.

פרייז פון בוך $1.60.

4. דער גיהנם (אינפערנאָ)

פון עדואַרד שטילגעבאַוער

דער „גיהנם" שילדערט די מענשליכע נשמה אין דעם פייער־בראַנד פון דער וועלט־מלחמה. ער האָט געהאַט אַ ריזיגען ערפאָלג אין פיל שפּראַכען. 300 זייטען.

פרייז פון בוך $1.60.

5. קולטור און רעוואָלוציע

געוועהלטע עסעיס פון מאַקסים גאָרקי.

אין בוך געהט אריין זיין באַריהמטע אַנקעטע וועגען אַנטיסעמיטיזם, זיינע בריף וועגען קליין־בירגערטום, זיינע אויסערונגען וועגען די רעוואָלוציעס פון 1905, מערץ 1917 און אָקטאָבער 1917.

פרייז פון בוך $2.00.